STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05413

# ZANGEN FUN MAYN FELD

B. Daymondshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. דיימאַנדשטיין

# זאַנגען פון מיין פעלד

לידער-זאַמלונג .. 1908 - 1955

מיינע לידער — אַ סימפאָניע
אַ ווירוואַר, געדאַנקען און קלאַנגען,
און ס'בליט אויף אַ פּאָליפאָניע
פון מיין פעלד די זאַנגען . . .
אין יעדער שורה, אין יעדן וואָרט,
אַ שטיק פון מיר געפינט איר דאָרט:
פון קינדהייט, ביזן גרויען איצט —
ס'איז ווי אַ פנקס — איינגעקריצט!

פ אַ ר ל אַ ג :
„ליטעראַרישע העפטן"
טאָהאַנגאַ, קאַליפאָרניע
ה'תשט"ו --- 1955

# ZANGEN FOON MINE FELD

## EARS OF GRAIN FROM MY FIELD

by BORIS DIMONDSTEIN

POEMS — 1908 - 1955

*To my granddaughter*
PHYLIS DIMONDSTEIN
*to her thirteen birthday*
*this book is dedicated.*

*Drawings of this book are by the author of the poems*

אַ מתנה מײן אײניקל פיליס צו איר 13טן געבוירנטאָג

די צײכענונגען זײנען פון דעם מחבר

***Copyright by***
B. DIMONDSTEIN
10143 Mountair Ave.
Tujunga, Calif.
1 9 5 5

# זאַנגען פון מיין פעלד

## דערהויפּט אַ ייד

מיין לעבן, מיין זיין איז אַ נס;
ווידוי זאָג איך יעדן מעת־לעת.
צו לעבן אין אַ וועלט פון האַס,
דערהויפּט אַ ייד—איז גאַרנישט שפּאַס...

צו באַלאַנגען צום פאָלק, וואָס מען יאָגט,
דאַרף מען האָבן גבורה פון שטיין;
וועלכער פאָלק אַזעלכע גבורים פאַרמאָגט?
דאַרינקע, מיט פּאהלעך, מיט יידישן חן!..

## האַלב - בלינד

האַלב־בלינד די אויגן געוואָרן
פון שטענדיקן לייענען, שרייבן.
פאַרקנוילט האָב אַזוי זעכציק יאָרן—
האָב אין ביכער גענומען זיי קלייבן.

געלייטערט, געזיפּט און געוואויגן,
דערזען אין זיי האָב איך זיך ווידער;
ווי אַ קייט—מיינע טעג האָב געצויגן—
איצט ברייננג דער וועלט מיינע לידער.

## בינסט גערעכט

(לאהן)

ביזט גערעכט, כ'האָב דיר ניט פאַרשטאַנען.
האָסט געבראָטן זיך, דאָך געשוויגן;
צי ס'איז נאָך שווערער, וואָס פאַראַנען,
אין ליבעס־פּיבער, זיך צו וויגן...

ווער האָט געוואוסט, דיין יונגען־האַרץ?
האָסטו געוואָלט, פאַר מיר זי שיינקען;
דערפאַר וועל איך, ביזן לעצטן שוואַרץ—
דיך, מיין האַרציקע, געדיינקען...

## אויף אונדזער ערד

אין די פעלדער פון יהודה,
אונדזער הימל, בלאָע אויגן;
שווער וועט זיין ניט, די עבודה
פון אונדזער ערד חיונה זויגן...

אויס דער אַלטער מנחם־מענדל,
אויס די דאַרע קלאַטשע טרייבן;
אויס אָוועק דאָס בידנע האַנדל—
די אַלט־געשיכטע, ניי מיר שרייבן...

אויף אונדזער ערד, אין די פאַבריקן,
וועלן רעדער דרייען, שפּינען.
און די שפע—פאַנאַנדערשיקן—
אין אַחדות, אַרבעט, גליק געפינען...

## כ׳בין געקליידט אין זעלבן רעקל

איך האָב לענדער—סקווער געשניטן.
אין די גרעסטע שטעט געווען.
קעלט און היץ האָט מיך ניט געביטן—
קיין פרעמד ווירקונג נישט געשען...

כ׳בין געקליידט אין זעלבן רעקל,
זומער, ווינטער, זון און שניי;
געבליבן ביי מיין אַלטן פּעקל—
אַ ייד געיאָגטער, מיט מיין וויי...

## מיין ליד

מיין ליד, איז נישט גלאַט אַ ליד.
מיין וואָרט, איז נישט גלאַט אַ וואָרט.
נישט ווי אַ גוי, איז אַ ייד;
אַ ייד, אַ מענטש, איז פון אַנאַנדער סאָרט.

אַ ייד קאָן ווי מער איבערטראָגן,
ער קאָן זינגען אין גסיסה־טאָג.
אין זיין גרעסטן גליק קאָן ער קלאָגן—
אין גלויבן—לעבט זיין פאַרמאָג...

## זאָג מיר אַלטער...

זאָג מיר אַלטער, ביזט אַ קלוגער?
געלערנט האָסטו שוין פילע יאָרן.
האָסט געזען טייכן פליסן—
ביזט נאָך קליגער פיל געוואָרן!

האָסט אין לעבן פיל געוואַנדערט
פון קעלט און ווינטן דורכגעשמיסן,
פון זון דיין פנים איז פאַרבראַנזעט,
אין דיינע אויגן פול איז וויסן...

האָסט געזען איך דיין וואַנדער
און געלערנט פון די מענטשן;
גוטע, שלעכטע, האָסט געטראָפן:—
קללות, שילטן, אויך און בענטשן.

זאָג מיר אַלטער, גיב אַן עצה;
וואו געפינט מען אַ ווייב אַ טרייע
און אַ חבר וואָס איז ערלעך,
און נאָך אַ זינגער ווי אַמאָר קאַיעם?

האָט פאַרטראַכט זיך אַלטער לערנער
און געגלעט זיין ווייסע באָרד;—
יאָ, מיין יונגער, יונגער פריינט—
האָט געפערלט זיין יעדער וואָרט;

—אַ ווייב אַ טרייע צו געפינען;
נעם אַן עלטערע—נישט קיין שיינע;
אַ ווייב אַזאַ וועט טריי דיך דינען,
זאָט דיין טיש וועט און בעט אַ ריינע...

—אַ חבר ערלעכן געפינען?
זאָג אים: מיין הויז פאַר דיר איז אָפן.
מיין ברויט, מיין בגד, און מיין בעט;
אַן ערלעכן חבר, האָב נישט געטראָפן...

אַ פּאָעט געפינען, ווי אַמאָר קאַיעם?
געטראָפן קיינער האָט אין זיין שוך;
ווי לידער זיינע געפינען קאָן מען
נאָר אין די טאָוולען פון זיין בוך...

## כ׳האָב אין שפּיגל זיך פאַרקוקט

כ׳האָב אין שפּיגל זיך פאַרקוקט,
האָב דורכגעלעבט פון ניי מיין לעבן.
האָב צו זיך אַליין געבוקט
און האָב געגומען—אַלט־צייטן וועבן...

איך האָב דערזען אַלטע פריינט,
אַט זע איך ווי זיי קומען;
אַט קומט יהואָש, פשוט—שיינט
און סלאָנים מיט אַ האַלדזטוך־בלומען.

איך האָב געלייענט אייער ליד—
זאָגט סלאָנים מיט אַ שמייכל,
און יהואָש שמייכלט ווי אַ ייד,
וואָס רעדט נישט—נאָר האָט שכל...
אַ דאַנק אייך, סלאָנים, כאָטש דערפאַר,
וואָס די ליד איר האָט געלעזן;
ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער שכר,
אייער צייט—געוועזן — —

יהואָש שווייגט, נאָר סלאָנים זאָגט:
יהואָש, כ׳גיי אים זאָגן:
יהואָש זאָגט, אַז איר פאַרמאָגט—
טאַלאַנט אַ גאַנצן וואָגן.
האָב זיך פאַרשעמט, מיט קאָפּ אַראָפּ:
אַ דאַנק אייך, ליבער יהואָש.
פון אייך אַ וואָרט, פאַר מיר איז טראָפּ—
איך זע דאָרט נישט פאַרוואָס ? !

זיין ערשטן וואָרט, ער רעדט:
ביט שעמט זיך, גלעט—האַנט מיין פלייצע.
פירן דאַרף אַזוי זיך אַ פּאָעט:
הערט זיך איין, אַט הערט מיין עצה:—
גלויבן טראָגט נאָר שטאַרק אין זיך.
הערט זיך צו נישט—צו ציניקער—
וויכט נאָר אויס די פרעמדע שיך—
בייגט זיך נישט פאַר פען־קיניגער...

זיי קוקן תמיד פון אויבן אַראָפּ:
אויב איר האָט אין זיך? גלויבט אין זיך.
בויגט פאַר קיינעם נישט די קאָפּ—
טרעט נאָר ניט אין פרעמדע שיך!...

## ס'וויינט אין טיף

כ'רעד אראפ דעם ווי פון הארצן,
וואס קלייבט זיך אן פון שווערער צייט.
און ווי א בליץ אין א נאכט א שווארצן,
לייכט אויף האפנונג—אין דער וויט.

ס'איז שווער דער יאכיק לאנגער ווארטן;
פלעכט זיך, שטריקיק דער געדריי.
ווערט די גוטסקייט, בייז, פארהארטעט,
און ברומט ווי חיה'ס ווילד געשריי...

ס'וויינט אין טיף, אין מיר פארבארגן,
אן טרערן, נאר זאלציק, פיל אין אויג.
ברויזט אין מיר פון אין פרימארגן
ביז שפעטן־שלאפלאז, אין בעט זיך לייג.

קיינער זעט נישט מיינע ליידן,
פאר מענטשן ביך איך פריילעך־טאנץ,
ווי יענער קבצן, דעקט אין זיידן—
זיינע טראנטעס מיט א גלאנץ...

ווען ס'טוט א שטאך, אונטער הארץ א
דריקע,
ווען ס'קארטשעט מיך, כאטש פאל צו ערד,
דריי איך זיך און רייד, זאאיקע...
און בריקע כלומרשט ווי א פערד.

כ'וועד פאיאץ אין פרעמדע אויגן,
נאר קיינער פילט נישט וואס איך טו;
טרערן שלינג איך, און איינגעבויגן,
אין מיין איינזאם ווינקל יאג זוכן רו...

## שפיל מיין לירע

שפיל מיין לירע, שפיל און לאך.
ס'פעלט מיר היינט קיין ברויט, קיין דאך.
ס'איז מיין מאגן פול און זעט.
א וויכע היינט איז אויך מיין בעט.

שפיל מיין לירע, שטרונעס שטייף.
ס'איז מיין ווארט, שוין זאפטיק־רייף.
און סע וועבט זיך יעדער ווארט—
גראם־געדאנק — ביידע—פארט!

## צו שפּעט...

עך ווי מאָדנע איז דאָס לעבן,
ווען סע גייט דיר ניט דאָס גליק,
זעסט דאָס גליק, אָט שטייט ער נעבן,
נאָר פאַרשווינדט פון דיר צוריק.

ווערסטו מיד, דאָס גליק צו זוכן.
טראַכסט: קיין גליק איז דיר באַשערט
און דו נעמסט דעם עלנט פלוכן
און סע בייט זיך פונקט פאַרקערט...

טוט אַ שיין דאָס גליק אַקעגן,
ווילסט ניט קוקן גאָר אויף אים;
גיי, מיין פריינט, אויף שטילע וועגן,
רעדט אין דיר, אַ פרייבטלעך שטים.

זאָל דאָס גליק דיר איצט נאָכלויפן—
ס׳איז דאָס גליק געקומען שפּעט;
ס׳איז שוין גראָ ביי דיר די שלייפן—
פילסט אַ פרעמדע האַנט דיך גלעט...

גליק איז פיל מאָל ניט קיין מעלה,
ווען סע קומט צו שפּעט צו דיר:
עס דויערט נאָר אַ קליינע ווילע—
עמיץ שטייט—הינטער דיין טיר...

## נעם מיך מזל...

נעם מיך מזל אויף דיין פּלייצע,
טראָג מיך איבער אין דיין וועלט;
גיב מיר צו דעם גליק אַן עצה—
גליק מיין טיר האָט מיר פאַרפעלט...

ווען איך טו אַ גוטן טהאַט,
אָדער שאַף אַ שאַרפן וואָרט;
אַל ווי איינע, מאַכט מען בלאַט—
זע קיין שמייכל, פאַר מיר ניט דאָרט!...

אָבער האָב איך אַ קרומען וואָרט
וואו געזאָגט, אָדער געטאָן;
וואו דו ביזט, אין יעדן אָרט—
מען רייסט דיך מיט אַ וואָלפיש צאָן...

## היינט וועל איך מיין צוואה שרייבן

היינט וועל איך מיין צוואה שרייבן
און צעטיילן מיין פאַרמעג,
פון יעדן ווינקל וועל אויפקלייבן—
מיינע קלאָגענדיקע טעג.

זונטיק ביטער, נישט געראָטן;
מאָנטיק אויכעט פיל נישט בעסער.
דינסטיק, מיטוואָך—האָט געבראָטן;
דאָנערשטיק, פרייטיק—דאגה גרעסער.

פיל מאָל שבת געפעלט האָט טיש,
נישט נאָר חלה—נאָר פשוט ברויט;
גערעדט, געשפּאָסט פון געפילטע פיש,
ביז דער פלאָם פון די ליכט פאַרגייט.

אויפן פויסט אַזוי פאַרדרימלט
און געחלומט פון געבראָטנס
און מיט לבנה, האָט דער הימל,
מיט בלאָסן שיין די ערד באַשאָטן.

יאָ, פאַראַן, איז דאָ און דאָרטן,
איבער וועלט אין פאַרגעלטע בלעטער;
אין זשורנאַלן, פילע סאָרטן—
אַמאָל געדינט צו זיי ווי—געטער...

אין הונגער־שעהן, פון ברויט געזונגען,
אין ווינטער־קעלטן, געמאָלן בלומען,
און געהוסט מיט שטיקער לונגען—
געדרוקט לידער, אָן געצאָלט באַקומען...

## ער וועט

נעם די הענט, הויב מיט תפילה צו גאָט,
מאַך צו די אויגן און שטעל זיך פאָר
אַז דייך תפילה פאַרנומען ער האָט,
און רייניק דיינע מחשבות נאָר.

גאָט, צוהערן ער וועט דיין געבעט,
און וועט דיין תפילה—פאַרנעמען.
ער, וואָס אין דיין האַרצן—זעט—
ער וועט דייך געבעט נישט פאַרשעמען!...

## צו אַן אַלטן שפּיגל

שפּיגל, וויפיל גליק מיט דיר
האָב איך געטיילט?
און וויפיל קנייטשן אין מיין שטערן
האָב איך דיר געציילט?

וויפיל פריילעכע מינוטן
האָב איך דיר געזען?
איך דערמאָן זיך מיינע לאָקן,
ווי געקרייזלטע געווען.

שפּיגל, איצטער, ביזט מיין עדות,
אַז בלאָנד געווען אַמאָל מיין קאָפּ;
איצט איז ווייס, אַן אויסגעפּליקטער,
געקענט פלעכטן האָב אַ צאָפּ...

ס'איז מיין לעבן, אָפּגעלאָפן,
ווי אין אָסען אַ מוטנע־טייך;—
אויך דו שפּיגל ביזט פול מיט פלעקן,
אָפּגענוצט מיר זיינען ביידע, גלייך...

## וויג-שטול מיין

וויג מיך איין, דו וויג־שטול מיין,
גיסט מיר רו אין שווערע צייט.
ווען מיד עס בייגט מיך איין פון פּיין,
און דו, מיין מידקייט, בייטסט.

אַהין, אַהער, ווי אַ מוטער וויגט
איר קראַנקעס קינד צו רו
און ווען די אומרו מיך צעדריקט—
צו מיר, ווי אַ מוטער—ביזטו.

אַ, וויג מיך, וויג־שטול, רו מיך אויס,
מיין מידן קערפּער און מיין גייסט;
ניט בעט—ניט אַנדערש—דו נאָר בלויז—
מיין אומרו מיך צערייסט.

פיל מאָל אין די אָרעמס—דיינע
פון צווייפל פאַל אין דיר אַריין
און שטייף מאַך־צו די אויגן מיינע
און פאַרוויג אין דיר מיין פּיין...

## שרעק

בין מיד, אומעטיק און פאַרמאַטערט
און ס'נאַגט אַ מאָדנער געפיל.
ווי איבער מיר וואָלט עמיץ געפלאַטערט
און געפליסטערט מוראדיק־שטיל...

וועראיז דאָ? כ'פרעג האַלב דערשראָקן
און ס'וויספּערט אַרויס שטיל־געוויין.
פּלוצים צעקלינגט־וואָלט מיט גלאָקן
אין די אויערן—כ'בלייב אַזוי שטיין.

כ'פיל ס'איז דאָ ווער אין מיין צימער.
איך פיל, נאָר כ'זע קיינעם נישט.
איך צינד אָן דעם פייער ווי אימער
און מאָדנע כ'ווער, ווי צומישט.

כ'פיל ס'האָט מיך עמיץ באַרירט־אַט
געפילט די באַרירונג, געפילט.
עס רייסט זיך פון מיר—אוי גאָט!—
אַ ציטער דורך מיר האָט געקילט!...

איך דריי זיך און זוך־אום, אַרומעט,
איך זע נאָר מיין שטן, נישט מער.
שרעק דורך מיר גייט, מיט אַן אומעט
איך פיל אַזוי אָפּגעלאָזט—שווער...

כ'שפּאַר זיך אָן וואַנט און שריי אויס:
איז דאָ טייוול, צי מלאך־המות?
נאָר כ'הער נאָר דאָס זעץ פון האַרץ בלויז,
איך פיל, איך פאַרליר מיין משקולת...

## ווער האָט געוואוסט

אַט־ערשט ביזטו אַ פרעמדע געוועזן,
און איצט אַזוי נאָענט, מיין לייב.
ווי מיין בליק, האָט דיך דערזען,
האָב געוואוסט ווערסט זיין מיין ווייב.
דיין ווייכער בליק, האָט מיך געקושט,
דיין צאַרטער שמייכל—מיך דערפרישט.
ווער האָט געגלויבט, ווער האָט געוואוסט?
מיין לעבן האָסטו מיר פאַרזיסט.

# דאָס קאָן נישט דערציילן קיין פּען

טראָגט ווען מיין געדאַנק זיך אַוועק,
ווען איך בין אַ קינד נאָך געווען.
ווען איך האָב אין גאַס זיך געשפּילט
און גליק פאַר די אויגן געזען.

ווי ליב ס'איז דער פרייטיק געווען:
דער פלאָדן מיט מאָן, מיט די פיש;
די מעשענע לייכטער, ווי גאָלד—
פריש חלה און ווייַן אויפן טיש.

געחלומט גאַנץ וואָך פאַרן טאָג.
די מאַמע פאַרהאָוועט, קאָכט, באַקט
און כ'פלאָנטער־זיך אונטער די פיס—
כאַפּ אַ נאַש פון די פיש, וואָס זי האַקט.

געלעקט פון די פינגער די מאָן,
ס'איז קיין מאָל געגוג מיר געווען;
דעם תענוג, וואָס איך האָב געהאַט—
דאָס קאָן נישט דערציילן קיין פּען.

קידוש האָט דער טאַטע געמאַכט.
די מאַמע איז ציכטיק באַקליידט;
געשוועבט האָט פון שבת־קודש, די רו—
אַ ליכטיקע פרייד האָט געשפּרייט...

# כ'וויל אַ רו-טאָג

ווי זאָל איך גוט זיין,
ווען אין האַרץ ברענט דאָס בלוט?
ווען פול איז מיט פּיין,
דורך טאָג, מיין האַרץ, יעדע מינוט.

כ'וויל אַ רו־טאָג, כ'וויל רו!
און אַרום רוישט אַ שטורעמדיקער ים.
רבונו־של־עולם, אַ נס טו,
לעש אויס, ס'ברענט, ס'ברענט אין מיר
אַ פלאַם!

## כ׳מעסט מיין לעבן נאָך די טריט

איך זוך דאָס גלאַנץ פון אויג,
וואָס האָט מיטליאַריק אויסגעבלענדט.
איך טאַפּ מיין יוגנט,
ווי אַ בלינדער—ווענט!

כ׳זוך מיין יונגן טראָט,
מיט שוואַכע, שטילע טריט;
איך זוך דעם יאָג, דאָס פלינק—
איצט די פיס קאָם ציט!

עס פלאַמט מיין קינדהייט אויף
ווי זון—אַ בליץ—אַ שניט—
נאָר מיד—איך פיל זיך מיד—
כ׳מעסט מיין לעבן, נאָך די טריט...

## זיץ איך נעכט . . .

זיץ איך נעכט, איינער, מיר אַליין
און שטיל מיין אומעט מיט אַ ליד;
מיט ווערמען און אַוואו צו גיין—
קיין אינטערעס געפין איך ניט!

שרייב איך און רייד אַראָפּ פון האַרץ
און ס׳פּלעכטן גראַמען די געדאַנקען.
אויפן פּאַפּיר זיך פּינטלען—שוואַרץ,
ווי נאָטן פאַר אַ ליד—געזאַנגען.

גוט איז אפשר, וואָס כ׳בין אַליין,
קיינער שטערט מיר נישט אין דיכטן.
פיל מאָל מיין ליד רירט ביז—געוויין
פון אַ שאַרף־געדאַנק—אומגעריכטן.

און ס׳טוט אין מח מיר אַ ריר,
איך נעם די פעדער און פּאַפּיר;
אַ קנייטש דעם שטערן—און אַ שיר:
ס׳קלינגען טענער, ווי אויף קלאַוויר...

(1913)

## ווּעמעס לעבן

ווּעמעס לעבן האָט געבליט?
מיינער קיינמאָל ניט!
תמיד האָט מען מיך פאַרפאַלגט;
וואָס געבויט האָט ניט געגאָלט.

וואָס געפלאַנצט, האָט נישט געבליט,
דערנער אונטער מיינע טריט;
ווער האָט מיך פאַרשאָלטן ווער?—
גאָט, ווארום? מיין רוף דערהער!

## אַ שיינע הויז

אַ שיינע הויז, צימערן אַ סך,
מענטשן זיינען אים מקנא.
עסט דאָס בעסטע און אין צייט
און יעדן פרי אַ הייסע וואַנע.

אַלע זען, אַלץ, אַלע אים מקנא,
אין זיין טיפן האַרץ זעט דאָך קיינער.
ער וואָלט זיין עלנט אויסגעביטן
פאַר אַ שטיבעלע, אַ קליינער...

ער וואָלט עסן בעסער ווּעלן,
אַ טעלער וואַסערדיקן קרופּניק,
שלאָפן אויף אַ האַרטן בעטל
און לעבן—גלויבנדיק און רואיק...

## אָ ב ל ו ם

אָ, בלום, ווי צויבערדיק דו בליסט,
אָבער קורץ דיין בליאונג האַלט;
ווי אַ מיידלס שמייכל־ציסט,
ביז איר מיידלשער צויבער—פאַלט...

אַ בלום, אַ מיידל—ווי אַ פּאָר;
צאַרט און בייגזאַם—אומבאַרירט.
רייסט מען אייער בליאונג אָפּ נאָר—
איז מיט ליב די וועלט—באַצירט...

## אַ גיבור טויטע זאַך

אַ, שטיין פון זאַמד און פון צייט,
פון לאַווע און פון וואולקאַנען;
פון יאָרן, און פון לאַנגער ווייט
ביזטו באַשטאַנען.

און ס'איז דיר ניט צו שווער
גיין דורך היץ און קעלט.
נאָר מענטש פון פלייש—אָט־דער—
ער טוט מיט דיר וואָס אים געפעלט.

ער שפּאַלט, ער ברעקלט דיך,
דיין מעכטיקייט איז שוואַך;
קיין ווידערשטאַנד אין זיך—
אַ גיבור, טויטע־זאַך.

אַ, שטיין, ווי איינזאַם איז עס דיר.
ווער ווייסט, וואָס אין דיין טיף?
אַ שטיין אויך ליגט אין מיר;
ווער פילט מיך, ווער האָט באַגריף?

## אַ ס אָ נ ע ט

עס האָט אַ שיין־געטאָן פּאָר מיינע אויגן,
אַ בלאַנדער שמייכל, ווי די זון.
אַ וויגנדיקער זייל געבויגן
און צויבערדיק געשלאָגט דערפון.

לייכטענדע צוויי שטערן
האָבן פון פּנים אויסגעזונגען;
ווי זילבער־פליי‌טן וואָלט זיך הערן,
פון איר האָט אויסגעקלונגען...
ווי אַ ווירוואַר בלענדן פאַרבן,
אַ רעגנבויגן ווי אַ קרוין.
און יעדער גליד ווי אויסגעקאַרבן,
אַזוי וואונדערלעך און שיין.
ס'האָט אַ שיין־געטאָן פּאָר מיינע אויגן,
אַ וויגנדיקער זייל געבויגן...

# נעם אים

וואַרף אַפּ דעם שטויב פון דיינע פיס
און רו אויס דיין מידן גוף;
עס האָט אין וועג, דיין טראָט געבריט,
אַן עכאָ האָט דערגרייכט דיין רוף.

ברויט מיט זאַלץ, כ'טייל דיר העלפט,
כ'פרעג נישט ווער און וואָס דיין שטאַם!
דער קרוג מיט וואַסער איז נאָך פריש—
און נאָכן עסן, איז זיס זיין טעם!

קוקסט, פרעמדער, אויפן שיינעם רינג,
ס'ברענט דיר טיף, זיין דימענט־גלאַנץ;
געפונען האָב איך אים אין וואַנדער־וועג,
אין שיין פון זון, אַ צויבער־קראַנץ...

אויב דער רינג, שוואַרצט מחשבות דיר?
נעם אים, נאָר ער ברענגט קיין גליק,
האָט יענעם, וואָס זיין פינגער צירט—
נישט געבראַכט אויף אַ זיכער־בריק!...

# וועט קומען...

אַגב, ס'וועט פאַרגיין דער ווינטער,
ס'וועט פרילינג זיך צעבליען.
הגם מיט קעלטן איצט נאָך צינט־ער.
נאָר זומער פויגל, קומען, ציען,

אונדזער פרילינג האָט אָפּגעבליט,
אָבער צווייגן איז געבליבן.
אַ שטילער ווייטיק, טוט אַ שניט—
אונטער צייט ווערט אַלץ צעריבן...

זעטן מיר זיך, מיטן פאַרבלייב,
קינדער, אייניקלעך, ווי בלומען;
ווינטער קאַלטער, גו, פאַרטרייב—
נאָך אונדזער גיין וועט פרילינג קומען...

## די בוים

שטייט די בוים אַזוי פאַרקלערט,
קיין ווינטל רירט קיין בלעטל אָן,
דעם פויגל זינגער, איצט זי הערט,
היפּנאַטיזירט פון זיסן טאָן.
דער פויגל איז צופרידן, שטאָלץ.
דער בוים איז דאָך אַ מבין, יאָ!
דער בוים איז מער, ווי אַ שטיק־האָלץ—
געהערט האָט ער פיל זינגער דאָ!
ס'האָט פויגל זיך צעטרילערט מער,
נאָר געקומען איז אַ וואָלקן שווער;
האָט בוים פאַר טענוג פון געהער,
זיך אָפּגעכליפּעט מיט אַ טרער...

## צוויי אַלטע

צוויי אַלטע, מידע געבויגן,
אָרעם אין אָרעם זיך האַלטן;
קוקן מיט ליבּ אין די אויגן—
ס'איז זיי וואַרעם אין לעבן דעם קאַלטן...
ער פּיפּקעט אַ ליולקע—אַ שמייכל
רייסט איין די געדאַנקען, פאַרטראַכט.
בלויט־דורך דורך די ליפּן, אַ רייכל—
ווי זיי וואָלטן פון דער וועלט געלאַכט...
זאָטע מיט יאָרן און צופרידן—
זינגט זייער גאַנג, זייער טראָט,
פון יוגנט־פרייד, אין זיי זידן—
מיט ליבּע אין האַרץ און צו גאָט.

## ווע מען

ווע מען האָט צייט באַלוינט?
ווע מען האָט צייט באַשטראָפט?
שווינדלער ווערט אימער באַקרוינט—
דעם ערלעכן דערנידעריקט מען אָפט!

רכילותניק ווערט אָפטער באַגלויבט,
באַשיידענער פון הינטן פאַרשטופּט.
עוולות גרויסע ווערן פיל מאָל פאַרטויבט
און גראָבע אומרעכטן—פאַרטושט!...

## כ׳מאַך די אויגן צו

כ׳מאַך די אויגן צו, פאַרטראַכט זיך,
בילדער שוועבן מיר פאַרביי;
בילדער אַלטע, גוט־באַקאַנטע,
דאָך זיי זיינען מיר ווי ניי.

איך זע די שפּילצייג פון מיין קינדהייט
ליגן אויסגעשפּרייט פאַר מיר;
כ׳זע דעם שיינעם פּנים דיינעם —
אויגן ליכטיקע ביי דיר...

איך הער דיין זיסן קינדיש לאַכן—
אַלעס לעבט מיר אויף פון ס׳ניי,
ס׳זיינען יאָרן באַלד פינף צענדליק—
קינדער־פרייד איז לאַנג פאַרביי...

איך טראָג דיר נאָך אין מיין זכרון,
אויך דיין שמייכל אין מיר לעבט;
כ׳בין שוין אַלט באַלד זעכציק יאָרן,
בלייבסט אין האַרץ מיר איינגעוועבט...

## אין צאַם פון לעבן

אין צאַם פון לעבן ביז טיפע יאָרן,
מיט ווייניק פרייד, מיט ווייניק גליק;
אַזוי פאַרהאַרט, פאַרשטייפט געוואָרן—
אַ קאַלטער בייזקייט אין זיין בליק.

אַ גרויער וואָלקן אויף זיין קאָפּ,
אַ רויטע פייכטקייט אין זיין אויג.
טרעטן טרעט ער מיט גאַלאָפּ—
הגם זיין פּלייצע איז געבייגט.

ווייכט פון מענטשן, בישט ליב זיין היים,
ציט זיך אומעטיק זיין וועג;
זיין פּנים איינגעדאַרטע ליים
און חלומט פון זיינע יונגע טעג...

## ער איז געבאָט (נביאות)

גישט מאַכט זיך טויב צו מיינע רייד.
יעדער וואָרט זוי פון אַ נביא'ס מויל
וואָרט קלינגט אָפּ אין לענג און ברייט,
שניידט און טרעפט, ווי יפון אַ ביקס אַ קויל.
אַ פלאַמיק־בליץ שניידט דורך מיין זאָג.
אַ וואָרנונג ווי אַ דונער הילכט.
אַז קומען וועט דער שוואַרצער טאָג—
און דריקן אייך מיט שווער־געוויכט...

פאַרטויבט מיך ניט מיט אייערע קולות;
הער קרעכצן, אויקען און די ווייען—
די האַרטע טריט פון אייערע חילות.
ס'ברעכט די הימלען, זייערע געשרייען...
ס'טומלט אין די אויערן, ווי באַראַבאַנען.
און דער מלחמה־שופר רייסט איך מות.
הערט וואָרט: ווי לאַנג צייט איז פאַראַנען.
מיט אייער כוח קאָנט איר ניט געווינען.

אַ שטימע וועקט מיר צו וואָרנען אייך.
ווערטער רייסן זיך פון מויל אַליין,
ווי וואַסער־פאַל רייסט באַרג און טייך;
ווי פון פעלז ברעכט־זיך שטיקער שטיין.
גייט ניט קעגן—אויבערהערשאַפט!
איר זייט מילבן קעגן מאַכט פון גאָט!
ער איז דער בויער, ער איז די קראַפט;
ער איז טאָג און נאַכט—ער איז געבאָט!...

## אַלטע בריוו

כ'האָב צוזאַמענגענומען אַלטע בריוו,
וואָס זיינען אין שרייב־קעסטל געלעגן.
איך האַלט זיי הייליק—אַן ארכיוו,
אַ הייליקייט אין שוואַרצע וועגן.
כ'האָב געלייענט זיי שוין פילע מאָל,
אויסווייניק מיט אויגן־פאַרמאַכטע;
כ'קאָן זיי לייענען אויפן קול—
ווי וואָלטן געווען אויסגעטראַכטע...

מייק טייער זון—שרייבט דער טאַטע,
די אותיות, זיגזאַגישע פיגורן—
די אויגן טונקלען, ווערן מאַטע,
פון גאָר נישט לאַנג, ניטאָ די שפּורן...
די מאַמע קרעכצעט—אַלץ טוט איר ווײ
און חיהקע, אַ מויד איז שוין מיט יאָרן;
פון דאַך רעגנט, ס׳איז אַלט די שטרוי—
פּשוט, פאַרפוילט געוואָרן...

די ציג איז אויכעט, אויכעט אַלט,
מאַמע וויל זי נישט פאַרקויפן;
פּשוט פון די פיס זי פאַלט—
די זייטן שטאַרצן פונקט ווי רייפן.
זי איז ביי מיר ווי אַן אייגן קינד;
קאָן מען דען אַ קינד פאַרקויפן?
כ׳טענה מיט איר, כ׳בין האַלב שוין בלינד,
עסן זוכט זי אין פרעמדע הייפן...

שפּעט אין נאַכט, כ׳מוז גיין זי זוכן
און אויגן זען ניט וואו איך טרעט;
שפּרייט די הענט, ווי כ׳וואָלט דוכענען,
טאַפּ די ווענט און רוף און רעד:
„ציגעלע־מיגעלע״—קום שוין, קום,
צייט שוין שלאָפן זיך לייגן!
„ציגעלע־מיגעלע״—שאַרט צו זיך שטום
און ציגעלע ווערט מיינע אויגן...

כ׳האַלט צו איר אויער, אַמאָל דעם עק,
כ׳דאַרף די ווענט שוין מער נישט טאַפּן...
די ציג מיך פירט צום הויז אַוועק
און אירע קאַפּיטקעלעך—קלאַפּן...
און חיה׳קע, אַ מידע, מיין אָרימע־קינד,
צאַפּט אָפּ פון מיגעלע אַביסעלע מילך...
דאָס איז די נערונג פון אונדזער געזינד—
ס׳שלאָגט הונגער מיט דונער־געהילך...

איך בין אַ גרינער, פאַרדין קוים ברויט,
צייט ז׳אַ שלעכטע, דעפּרעסיע אין לאַנד;
מענטשן, מיליאָנען אָן מלאכה מען גייט,
וואָס קאָן פאַרדינען—אַ גרינער ווי איך?
שוועבט מיר פאַרביי, יאָרן די גרינע,
שרעק און מיט ציטער שנייט עס אין מיר;
כ׳לייען די בריוו, געדאַנקען זיך שפּינען—
ניטאָ זיי צו העלפן—איצט בין איך אַ גביר!

## אויב מענטש ווערט שוין געטלעך

גיב כוח מיר מוזע, צו גיין מיט דיר מיט,
ס׳וואַקלט די פיס, ס׳וואַקלט מיין טראָט;
גיב מיר צוריק, די אַמאָליקע טריט—
גיב כוח מיר ניי—צו גלויבן אין גאָט!

כ׳גלויב ניט אין ניסים, כ׳גלויב ניט
אַבסטראַקט!
גלויב, וואָס איך זע מיט די חושים;
דערפאַר, אָ, מוזע, פעלט מיר דער טאַקט,
צו טראָגן די אַלטע מלבושים...

גיב כוח מיר, מוזע, גיין מיט דער צייט,
ס׳בייט זיך קלימאַט, ס׳בייט זיך דער
מענטש;
אפילו מיין פאָלק ט׳אויך זיך באַפרייט!
שיק איך מיין ברכה: זייט געבענטשט!...

זע, בליץ־גיך; מענטש יאָגט זיך גיכער.
מענטש פאַרנעמט שוין סודות פון גאָט;
ווערט ער געטלעך? וועלט ז׳ניט זיכער:
וואו לויפט מען זוכן אַ זיכערן טראָט?

## אַ געפאַלענער קינסטלער

דערהרגעט האָט אים די בייזע צייט,
דעם שיינעם וואָרט—דערטרונקען.
אַלץ וואָס גוט איז, איז איצט אים ווייט,
אין אַלע מיאוסקייטן, געזונקען...
וואָס מער געטרונקען, נידעריקער פאַלט,
וואָס מער שמוץ, זשמורט די אויגן.
אַ מאַנונג אין זיין קערפער—שפאַלט;
טיפער אין אַפּגרונט ווילט זיך לייגן...

די זונה רופט מיט אירע בליקן,
דער שיינקער מיטן בראָניק־ווײַן.
די זונה באַט אים טויזנט גליקן;—
האַשיש, אַ וועלט פון זון און שיין...
דערהרגעט האָט די בייזע צייט אים,
שיינקייט וואָס ס׳האָט אין אים געוועבט;
שיינקייט איצט, האָט קיין באַטייט אים;—
זיין וועלט, פאַר צייט, איז אָפּגעלעבט...

## דאָס ערשטע קינד

אַן ערשטלינג־קינד—אַ ליכט אין הויז,
עס פילט די שטוב מיט פרייד;
דער ערשטער שמייכל, ווי אַ רויז—
דער ערשטער פלאַפל־רייד...

אין מאַמעס האַרץ, אין טאַטנס בליק,
ווען ס'בורקעט—מאַ, מאַ, מאַ;
פילט אַן הויז די לופט מיט גליק,
ווער פילט די פרייד אַזאַ ?

אַ קינד, אַ קינד, דאָס איז דאָך שאַין,
וואָס פינקלט מער פון שטערן־פלאַם,
ס'מאַכט פאַרגעסן יאָך און פיין
און בינדט די היים מיט שטאַרקן צאַם...

דאָס ערשטע קינד, דאָס ערשטע פרייד,
צי האָט איר אַ באַגריף ?
בו־בו־בו—די ערשטע רייד—
דאָס גליק, דאָס גליק, ווי טיף...

## אַ ך — צ יי ט

אין קלאַנג פון צייט
האָב איך מיין געלעכטער פאַרהערט.
האַמער־קלעפּ האָבן מיין שמייכל פאַרבייט,
אַזוי איז מיר לעבן באַשערט.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט
האָבן זיך אויגן צעליכטיקט.
האָב אַ מודה־אני אויסגעטראַכט
און ווייטער אַלץ איז אומוויכטיק...

אין יאָך האָב געוואָרפן—געמיט
און מי האָט געפאָדערט איר ליין;
אַך, צייט, ווי לאַנג וועלן מיינע טריט—
טראָגן דיין יאָך ווי—אַ שטיין...

## דער מדבר

מדבר ט'זיך אַריינגעקליבן אין מיין האַרץ,
אויסגעטריקנט, יעדן בלימל פון דערמיט.
נאַכט האָט איינגעהילט, אויג זעט שוואַרץ
און געטויט ס'געפיל, וואָס האָט געבליט.

צייט וועט אפשר היילן מיין געפיל,
וואָס האָט פאַרשטיינערט מיך, פאַרהאַרט.
כ'בין ביי צייט ניט מער, אַ קינדער־שפּיל,
ס'האָט אין ענגע ווענט מיך איינגעשפּאַרט..

## אינדערפרי

אַרויס אַ גליענדע די זון איז גאַנץ פרי,
אויפגעוועקט וועלט, צו שאַפן און מי,
יעדן פון זיין געלעגער געגעבן אַ צי
צו שרייבן אין מיר האָט געגעבן אַ ברי.

נאָך פריער האָט האָן געלאָזן זיין קריי,
פערד, די קו האָט געציינערט די היי.
די הינער, די קאַטשקעס, פויגל נאָך זיי:

אַ סימפּאָניע צעהילכט האָט זייער
געשריי.

זון אַ שטראַלענדע, צעשפּייזט די ערד.
דער הימל מיט וואָלקנס, ווי לענטעס,
ס'הילכן האַמערס פון פראַצע פון ווערט
נאָר רויבער פון אַרבעט פאַרשעמט עס..
(1910)

## היינט נאָכמיטאג וועל איך רוען

היינט נאָך מיטאָג, וועל איך רוען,
ס'האָט דער פאָרמאַן מיר באַמערקט.
ס'וועט מאַשין זיך באַלד אויסרוען,
אין שאָפּ פון פילע האָב געהערט.

אָפּגעאַרבעט וואָכן אַכט,
געשלונגען ביסן ביי מאַשין,
כאַפּ־לאַפּ, ווי טאָג און נאַכט,
איצטער אַרבעטלאָז איך בין!

קוק איך שטום, אַזוי אויף ווייב,
ווייסט זי וואָס מיין קוק באַטייט;
יעדער וואָך איך קלייב און קלייב,
ריין פון חובות ביק נאָך ווייט...

ענטפערט ווייב און זיפצט שטיל:
ווידער באָרגן, בויגן קאָפּ?
מאָדנע איז דאָס לעבן שפּיל—
אָט אַרויף און אָט אַראָפּ.

קינדער נישט באַקליידט געבליבן,
זיסלען דאַרף מען אַ פּאָר שיך.
רייזלס שיך איז אויך צעריבן.
דו און איך: ווער טראַכט פון זיך?

ס'איז איר קאָפּ שוין גראָ געוואָרן.
ס'איז איר בליק, ווי אַש, די נאַכט:
זי איז קאָם דרייסיק יאָרן—
וואָס לעבן האָט פון איר געמאַכט?!
(1910)

## צ ו — — —

דיינע ווערטער, סופער־געקינצלטער־פּאָעט,
טראָגן דיך אַוועק, ווי אין אַ הימל־פּלעט;
נוצט, אַ מאַנאָמעטער פאַר דברדיק געדריי.
ברודער, די געדאַנקען ז׳ווי זון אויף שניי..

זאָג ניט פאַרן יחיד, זינגט דיין וואָרט,
ניט אַ ברעקל אמת געפינען קאָן מען דאָרט..
דיינק ניט, סופער־ווערטער ברענגט
אַרויס דיין פאָרם—
וואָס מער דו קיצלסט, זעט מען ווי דו
ביזט אָרעם...

## אַ חלום איז פון מיר פאַרפלויגן

מיט גאָלד ט׳זיך צעשפּרייט די שקיעה,
אַ לופטיק ווינטל האָט געווייט.
ס׳האָט גאָלדיקייט געררייצט די ראיה,
דער הימל האָט מיט דימענטן געזייט.

זי און איך, מיר גייען אום געאָרעמט,
די לבנה איז נאָר וואָס אַרויס.
איר אָטעם האָט ריחדיק געוואָרעמט,
אויגן שוואַרצע, ווי די קאַרשן גרויס.

ר׳פּנים, האָט לבנה מאַטיקייט באַגאָסן,
שמייכל האָט מיט ליידנשאַפט געברענט.
ווי פייער פון אירע ליפּן האָט געשאָסן,
אַ קינסטלער אַפּמאָלן וואָלט זי געקענט.
איך זשמורע איצט נאָך מיינע אויגן,
אַ חלום איז פון מיר פאַרפלויגן...

## מען לויבט אים איצט

אויף טהרה־בעט האָט מען אים געלייגט
ווי אין שלאָף, אויסגעפּוצט מיט פאַרב;
מיט אַ שניפּס, אין האָניק אויסגעווייקט,
מיט חיונה ניט פאַרזאָרגט אים—
שטאַרב!...

אין לעבן האָט מען אים פאַרזען:
וואָס דרייט זיך אום אַ מענטש, אַ יאָלד.
בראָקט רייד, ווער פאַרשטייט אים דען?
רופט זיי דימענטן, טייערער פון גאָלד...

די ווייב און קינדער שטאַרבן—ברויט
אין הויז נישטאָ... ליד אַ טאָלער נאָר!
אַזוי רעדאַקטאָר זאָגט, טרייבט נאָך—
גייט!
אין מח רוישט, שטייט דיבאָם זיינע האָר.

איצט רואיק אויסגעפּוצט—אַ גביר.
מ׳לויבט אים איצט, מ׳לויבט זיין שיר..

## צו שענערס איך שטרעב

איך לייען און איך שרייב,
אַ פליג דערגייט מיר די יאָרן.
איך טרייב זי אָפּ, איך טרייב
און דעם געדאַנקען־גאַנג פאַרלאָרן.

ווער איך נערוועז, ווער איך בייז—
שווינדלט אַזש אין קאָפּ מיר.
שלאָגט פון מיר אַ קאַלטער שווייס,
וואָס אַ פליג טוט אָפּ דיר?!

אוועק איך לייג די פען מיט צאָרן,
כ'שפּאַן אַרום אַהין, אַהער;
פון אויפרעגונג בין דורשט געוואָרן
און דער געמיט איז שווער.

די אויגן בליקן אויף דער פליג,
ווי זי מיין בלוט וויל זויגן.
איך דריי זיך אָפּ פון איר קאַריק,,
עס שווינדלט אַזש מיר אין די אויגן.

הויב איך אָן צו פילאָסאָפירן,
זוך דעם גאַנג פון לעבנסוועג.
איך צי דעם פאָדעם ניט צו פאַרלירן,
ס'ריפּעט אין מיר, ווי אַ זעג.

ס'איז מענטש נאָך ערגער פון דער פליג
זי זוכט נאָר נאַרונג—איר חיונה.
דער מענטש, אַ זאַטער ,זוכט נאָר קריג;
דעם צווייטן ווייטאָן—זיין אמונה...

איינער זוכט דעם צווייטן צו פאַרניכטן,
אָנצוזאַמלען רויב און מאַכט.
בלעטער איך אין מוח דורך געשיכטן,
ס'איז פינצטער, מיאוס, ווי די נאַכט...

גאָט אין הימל, כ'ווער פאַרפּלאָנטעט,
דער פאָדעם־קנויל איז צו פאַרקניפּט.
האָב אָן זינד זיך אַליין דערמאָנטעט—
די פאַרגאַנגענהייט אַדורכגעזיפּט...

כ'בין ווי אין אַ נעץ אַריינגעקראָכן,
כ'וואַרף זיך אין מיין אייגענעם געוועב;
'האָב דערפילט, אַליין זיך איינגעשטאָכן
אָגב, צו שענערעס איך שטרעב!...

## דערשווימען דיין ברעג

ווי אַ קינד בענקט נאָך זיין מוטער,
ווי אַ מוטער ליבט איר קינד;
אַזוי בענק איך נאָך דיר ארץ ישראל—
מיין שטאַם, צו דיר מיך פאַרבינדט.

זינט איך האָב חומש געלערנט,
זינט איך האָב גענומען פאַרשטיין,
אַז דאָ וואו כ'בין געבאָרן געוואָרן—
טאָר איך נישט אומעטום גיין...

כ'בין אַ פרעמדער אויף מיין געבאָרן ערד
וואו כ'האָב ערשטן אָטעם געצויגן;
מיין נאָמען צו שאַנד איז, ווייל כ'האָב
פון די בלוט
פון די פיר אמהות געצויגן.

דערפאַר ביזט טייער מיר, ארץ ישראל.
ביי דיר בין קיין שאַנד און קיין פלעק;
ביזט פון מיר, און מיין שטאַם דער
גואל—
זאָל גאָט מיר דערגליקן, דערשווימען
דיין ברעג...

## עס עסט די בײנקשאַפט

טאַנצט די ליכט אין מײַנע אויגן,
אין זאָל עס דרייען פאַרלעך זיך אַרום,
אויף מיידלעך מײַנע בליקן זייען
אין מײַנע געדאַנקען בליען שטום...

אַמאָל די פּיס מײַנע פלעגן פליען
אין דעם געווירבל פון דעם טאַנץ;
קני צו קני פלעגן קניען,
אין דעם געדריי פון שיינעם וואַלץ.

פאַר מיר די וועלט געווען איז זי
אַ ליכטיקייט האָט מיר פאַרפילט.
אַ ליד איר פּנים, ריינע פּאָעזי—
איר שטימע ווי אַ פידל וואָלט געשפּילט.

טאַנצט די ליכט אין מײַנע אויגן;
אַט דוכט כ'טאַנץ מיט אַלעמען באַנאַנד;
כ'פיל ס'דוכט מיר, כ'האָב זי צוגעצויגן,
איך איר טאַליע, זי אויף פלייצע האַנט.

גיב אַ טרייסל זיך, צוטרייב געדאַנקען;
אַך, ווי ליב, דערמאָנען זיך, ווי שיין!
אין האַרץ עס ריעט דאָרט אַ בײַנקען;
עס עסט די בײנקשאַפט ביז געוויין!...

## האַרץ, מײַן האַרץ . . .

(פאָלקס־ליד)

האַרץ, מײַן האַרץ, דו זיי נאָר רואיק,
קלאַפּ ניט אַזוי האַסטיק שטאַרק אין מיר.
איך מוז זיך האַלטן איצטער קאַלטלעך:
מײַן ליבסטער קלאַפּט באַלד אַן אין טיר.

באַקן מײַנע, פלאַמט ניט איצטער;
ליפּן מײַנע, פיבערט ניט אַזוי,
און איר אויגן, בליצט ניט, ברענט ניט.
זאָל ער ניט פאַרשטיין מײַן טיפן ווי.

קאַלט, אָן בענקשאַפט זייט איצט,
גלידער,
זאָל איצט רואיק זיין אַלצדינג אין מיר,
ווייל איך בין אַ יידיש מיידל,
מוז איך שלעסער אָנהענגען אויף מיר...

זאָל ער ניט מײַן בענקשאַפט פילן,
וועט אַ בענקשאַפט ציען אים צו מיר;
ס'איז אַ שפּיל פאַר יעדער מיידל
איבער דעם וואָס איז פאַרליבט אין איר..

## האָב געהאַנדלט

האָב געהאַנדלט, געקויפט און פאַרקויפט,
מער ווי פיר צענדליק יאָרן.
האָב ניט געזען ווי די יאָרן אַנטלויפט—
ביז איך בין פאַרעלטערט געוואָרן.
געשוואָרן מיט אמת, געשוואָרן פאַלש,
געשעפט האָט קיין עטיק, רחמנות;
געדרייט, גערעדט, ביז טרוקן אין האַלדז,
מיט קונצשטיק פאַרשפּינט די קרבנות...

האַרט מאַכט געשעפט, אָן ברודער־געפיל,
מע זוכט איינער־צווייטן—פאַרשלינגען.
שטן ווערט תמיד אַ שותף אין שפּיל—
און וועט דיר דיין ווילן באַצווינגען.
כאַפּ־לאַפּ, אָן קיין רו פון פרי ביז שפּעט.
פרעמד דיר דיין היים און דיין פלייש.
וואַרפסט זיך אַ מידער, חלומסט אין בעט,
מסחרסט—פאַרטונקען אין שוויס...

פּלוצים דערוואַכסט, זעסטו פאַר זיך:
אַ פרעמדער—דיין היים—פרעמד אַליין;
ערשט—פרילינג...פאַרווינטערט גאַר גיך,
דריקט דאָס האַרץ—מיט שטילן געוויין...
קינדערלעך קליינע, ווי פויגל אַוועק,
קיין פאָטער־געפילן געגעבן צו זיי;
אַזוי ווי אַ קייפל, ס'האָט ניט קיין דעק—
אַוועק איז מיין לעבן, ווי צעשאָלצענער
שניי...

## האָב אויף שטיינער געוואָלט זייען

כ'האָב אויף שטיינער געוואָלט זייען,
געהאַקט, געגראָבן, שוויס פאַרגאָסן,
און פאַרעקשנט און מיט ווייען,
פאַר מיין מי ווייניק גענאָסן...

לידער מיינע אויף פּוסטע ווינטן,
לאָז איך מיינע ווערטער שוועבן;
נאָך זיי שלעפּ זיך נאָך פון הינטן—
שטיינער שווערע, פון מיין לעבן...

# ישראלס ערד

(לכבוד דעם 7טן יום העצמאות)

מעסטן מײַנע אויגן, ווי ווײַט, איבער ימען
ליגט דאָס לאַנד ישראל;
די ערד דאָרט—טויזנט טעמען—
הודו־גאָט, עס רופט מײַן קול.
ווי טײַער איז דאָס אײגנס
דאָס מינדסטע—גרעסטע ווערט...
די מוטערס בריסט צו זויגן—
אַזוי ישראלס ערד.
אויף שטיק צו מאַכן וואַקסן,
שאַף צו פּיטערן, פּרײַ;
די הענט אין ראָד, ווי אָקסן,
אַן אײגן ווינקל מײַן.
איך דופט די קאָרן־בלומען
און וואָס כ׳פּלאַנץ עס בליט;
עס פּילט דער טעם דער גומען—
די פרײד אין מיר עס גליט.
איך פּאָר אויף אײגן באַנען,
איך פאָר אויף אײגן שיף;
איך בוי אויף אַלטע שטאַמען—
ווײַל גרונט איז שטאַרק און טיף...

איך בוי און פּלאַנץ מיט גלויבן,
אַ זעלבער כ׳בין אויף וואַך!
כ׳לאָז פון קײנעם זיך מער רויבן—
ס׳איז מײַן אײגן הײם און דאַך...
איך ניי מײַן אײגן בגד,
איך ניי מײַן אײגן שוך;
גליקלעך איז מיר יעדע רגע—
דײטשלאַנד: דיר מײַן פלוך!
עס פײַפן די פאַבריקן,
ווי שופר—גאולה רופט;
ניט מער וועט מען דיך דריקן
אין פרעמד־פאַרסמטע לופט...
מיר האָבן פיש און נעצן,
מיר האָבן שאָף און פי;
מיר האָבן אײגענע געזעצן—
דאָס ברויט פון אײגן מי...
הודו, הודו, גאָט אין הימל,
אונדזער פאָן, ווײס און בלאָ;
מיט טרערן־פרײד בענטש איך גומל
מיר לעבן—היטלער איז נישטאָ!...

# צו זיך אַליין

הער זיך איין, ב. דיימאַנדשטיין;
וואָס זוכסטו? וואָס גראָבסטו קברים?
דיין וועג איז אימער גיין אַליין;
סיי מזרח, מערב, צפון, דרום.
קיין איזם זאָל דיך ניט באַהערשן!
קיינער צאַמען זאָל דיין וואָרט!
מיט אייגן שכל זאָלסטו קאָמען;
האַלטן ריין דיין ווינקל־אָרט...

מיט קאָפּ־פּאַרריסן אין לעת־צרה,
קעגן ווינט מיט אָפן־ברוסט;
מיט אויגן אָפן וואַכע, קלאָרע,
זיין זעלבסטשטענדיק—דו מוזט!...
ניט אונטערוואָרפן־זיך קיין צאַמען,
נאָר בויען פריי, וואָס מוח פּלאַנט.
און וואָס דיין ליד וועט נאָר אויסגראַמען,
זאָל זיין אייגנס פון דיין האַנט!...

ביזט געוואַקסן פון דיקן קינדהייט,
ווען דו ביזט אַ בוימעלע געווען;
געפונען האָסט דיין וועג אין בלינדהייט.
מיט פאַרמאַכטע אויגן האָסטו געזען...
קיינער האָט דיך ניט געלערנט,
דיין קרומען וועג ניט אויסגעגלייכט.
פון גאַסן־בילדער אַליין געגערנט—
און פון בעל־גאווהס אויסגעווייכט...

געזוכט נאָר אין די ליידיק ווינקלען.
געזוכט וואו נויט האָט שאַרף געדריקט;
וואו שיין פון זון זעלטן—פינקלען—
קראַנקהייט, טויט, האָט זיי—פאַרוויגט...
דאָרטן האָט דיין וואָרט געשטורעמט;
דאָרטן האָסטו מוט געבראַכט.
פון דאָרט האָסט דיין ליד געפורעמט—
מיט נויט געגאַנגען ביזט אין שלאַכט!

ביי לינקע ביזטו—גאָר אַ שונא—
ביי רעכטע ביזטו—אַ קאָמוניסט!...
אין אמתן באַלאַנגסט צו קיינע;
כ'באַשולדיק סאָוועטן ניט אומזיסט!
טראָגסט דעם פאַקל צו באַלייכטן.
יעדן פאָלק—דיין וואָרט נאָר בענטשט;
וואו טרוקן־שפּראָצט, טוסטו באַפייכטן...
מיט ברכות בענטשסטו יעדן מענטש!...

## קיינער וויל מיך ניט באַפרייען

דיין בליק שטראַלט מיט פלאַם פון זון,
און בלענדט מיין פנים און פאַרבלענט;
דיין רייץ, ווי שפּיזן אין מיין ברוסט—
איך קוק אויף דיר ווי אַ קינד פאַרשעמט.
דו ביזט שטיל און וואַרטסט—מיין וואָרט
זאָל זאָגן דיר, דו ביזט מיין קרוין,
און איך און דו, ווייסן בידע מיר—
נאָר ווערטער ליגן טיף הינטער—ציין...

דיין בליק שפּינט, מיט פלאַם פון זון
און בלענדט מיין פנים און פאַרבלענט;
דיין שמייכל—שימערדיקער זייד;
דיינע פינגער, ווי מאַנאַ ליזעס הענט...
דו האָסט שלאַנגענדיקן מאַגנעט,
וואָס ציט צו דיר מיט פייער־רייץ
די הענט, צו דיר, בעטן זיך—אַ גלעט—
דיין קאַלטקייט גיט מיר אַ פאַרפלייץ...

ווי זאָל מיין וואונדער דיר דערקלערן?
ביזט מיין שטערן אין שוואַרצער־נאַכט;
מיט אַלע שבועות האָב פאַר דיר געשוואָרן,
דו איצט, פון אַן אַנדערן, דו טראַכסט!
האָסט אויף ווייסטע וועגן מיך פאַרטריבן,
אין וויסטן מדבר איז וועג מיר פרעמד;
האָט, נאַכט, ט׳זיך אין מיר פאַרקליבן,
אַ קאַלטע היץ האָט מיין גוף פאַרברענט.

וואָס איז די מאַכט, ס׳האַלט צו דיר
געבונדן?
ביזט לייב ווי לייב פון יעדער פרוי,
דאָך ברענט אַ פלאַם, ס׳האָט אַזוי צעצונדן,
ס׳לאָזט זיך ניט פאַרלעשן גרינג אַזוי...
אין וואַנדער, מאַנט בליק דיין, מערער.
בייטאָג אין זון, ביינאַכט אין שטערן.
וואָס ווייטער די בייַנקשאַפט, שווערער;—
ס׳דוכט דיין שטימע וואָלט איך הערן...

בייטאָג אין היץ, קאַלט, רולאָז ז׳די נאַכט.
כ׳רוף דעם טויט, זאָל ער מיך באַפרייען.
שטייט שאַקאַל, ווי ער וואָלט געלאַכט...
אויך ער קערט אָפּ זיך מיט געשרייען...

עס טשייט דער רויבפויגל אויף אַ בוים
און איך ליג מיד אין זאַמד, אַ מידער;
אַ קום און שטעק אַריין, כ'רוף אים קוים,
דיין שאַרפן שנאַבל אין מיינע גלידער...
אויך ער פאַרגרייסט די פליגלען זיינע,
מיט שרעק קלינגט־אָפּ זיין שאַליק־בריל;
קיינער וויל באַפרייען ליידן מיינע—
ליג און סע ברענט זון מיין לעבן שטיל...

## וואָס אַרט מיך. . .

ווארום פאַרגינט איר ניט מיין ביסן?
מיט אייך כ'טייל זיך גלייך;
איר טוט פון מיר דאָך מער געניסן
און איר טייטלט אַלץ, אַז איך בין רייך!...
ווייסט איר וויפיל בעכט און טעג,
שווער מיט אייגענע הענט, די פּראַצע,
האָב איך געשפּאַנט אין מי מיין וועג
און ס'האָט געמאָלט מיר—האַלוצינאַציע..

דאָס נאָך, נאָכאַלעמען, וועל מיין וואָרט
ווי אַ שליח שיקן אין דער וועלט;
שוואַרצע פייערן, זאָל ברענען דאָרט—
מיין שווער לעבן איז אַוועק פאַר געלט.
איצט שנייד איך פּראָצע פון מיינע טעג,
און שיק זיי לאַרבע פּינות העולם;
מעגן דערנער שטיין אין מיין וועג—
כ'וועל זיך אונטערגעבן ניט דעם צלם!...

יידיש! פאַרשעמען מע מעג מיך געמיין;
שפּייען מע מעג מיר אין פּנים;
איך וועל אין זיך דערשטיקן געוויין—
זען ס'זאָלן ניט פיינט—מיינע שונאים...
עס וועט אַמאָל דורך שוואַרצן וואָלקן,
אַ שטראַל זיך דורכשניידן, פאַר מיר;
מע האָט פון מיר נוציקייט געמאָלקן...
צו אַלעס זיין דאַרף דאָך אויך אַ שיער!...

צושיטן פאַרוואָס זאָל איך מיין פּראַצע?
און „קריגן שטיינער פאַר געבן ברויט".
כ'וויל מער ניט לעבן אין האַלוצינאַציע—
וואָס אַרט מיך ס'ט'זיין נאָך מיין טויט?!

## צו אַ פרײַנט

איך שרייב ניט, קום דיך ניט זען.
זיי בייז ניט, ס'איז ווייניק דער טאָג.
פאַר יאָרן פילע ט'געשוויגן מיין פען:
צייטיק־לאַנג צו געבאָרן מיין זאָג...
הייל, פריינט, אין לעבן דאָ,
לאָזן דער וועלט מיך געדענקען;
וויים ניט ווען, ס'וועט קומען די שעה—
קיינער נאָך מיר וועט ניט בענקען...

שלייף איך לידער—דימענטן,
ראַם אין העל־רויט וויסן גאָלד;
האַק שטיין, מאַך מאָנומענטן—
גראַמען־לידער, ווי לעבן האָב האָלט...
מיין יוגנט פאַרהאַוועט—פאַר געלט,
אָן זון די טעג—שלאָפלאָזע נעכט;
אַזוי איז אַוועק באַלד מיין וועלט—
צום גאָלד־גאָט, געוועזן אַ קנעכט...

וואָלט איך איצט נאָך יינגער געוועזן,
מיט דערפאַרונג וואָס איך איצט פאַרמעג;
וואָלט געוויזן דער וועלט, וואָס כ'קען
און געטונקען אין זון מיינע טעג!...
כ'שרייב ניט, כ'קום דיר ניט זען.
זיי בייז ניט, ס'איז ווייניק דאָ צייט;
פאַר יאָרן פילע ט'געשוויגן מיין פען:—
מאָנט זי איר חוב איצט—און שרייט!...

## אַ לויב צום הימל

שטילע מינוטן, ווען רו אין דיין האַרץ,
שווערע געדאַנקען דריקן נאָך שוואַרץ.
באַפרייט דיין געמיט מיט זוניקן—בליק,
שמייכל אויף ליפּן, געבראַכט דיר צוריק.

אָפּגעפרישט, פּנים, ס'פינסטערע—גרים,
העכער געהויבן, וואָרט אין דיין שטים.
האָפענונג־קראַפט, געשמידט ז'דיין טראָט,
אַ לויב צום הימל, צום באַשאַפער, צו גאָט..

## כ׳האָס דיך, ניטשע - - -

כ׳האָב דיך פאַרערט, ניטשע, אַמאָל,
כ׳האָב דיך באַוואונדערט;
נאָר איצט פלוך איך דיך און דיין פאָלק
און דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט...

דיין חכמה, דיין לערע, האָט מיין פאָלק
אין דער וועלט צערודערט
און מענטש צו מענטש, צעריסן, צעטיילט
און אומגעברודערט...

אַ משוגענער האָט דיין וואָרט צעקייט
און סם צעמייקעט אויף דער ערד.
יידיש־פאָלק וועט דייטש פאַרפלוכן,
וואָס האָט זיך אין אַ חיה פאַרקערט...

קאַנט, געטע, שילער—וואָלטן זיך געשעמט
וואָס ס׳פליסט אין זיי דער היטלער־סם;
אָן אייביקער פלעק; ביז גאָט ווי סדום,
וועט פאַר׳אַשן דעם הונען־שטאַם...

## חלומות מיינע...

ווייסער וואָלקן אויף מיין ברעם,
טראָפּן פאַלן, מיינע טרערן,
איך וועב מיין חלום און איך נעם
פון אָרום זיך איבערקלערן.
חלומות לויפן פאַר די אויגן,
פעלדער גרינע פון אַמאָל,
און רייצן, ווי אַ רעגנבויגן,
איבער בערג, און איבער טאָל.

יאָ, סע זינגט אַלץ אין נאַטור;
חלומות מיינע ווי צעשאָטן,
כ׳הער באַקאַנטע טענער, נאָטן
יאָ, סע זינגט אַלץ אין נאַטור;
פויגל, פליגל, זשוק און זשאַבע,
אָבער נישט מיין בייענקענד־האַרץ.
אין מיין בוזעם קניפּט און גראַבעט,
ווי אַ סקעלעט קוקט און שטאַרצט...

## אַ מעשה

ס'איז געווען אַ פרילינג־נאַכט,
טיר און פענצטער נאָך נישט פאַרמאַכט.
איז לאהלע אין חופה־קלייד,
אַרויס אין דרויסן שטילערהייד.
איז פאַרביי אַ שוואַרצער ווינט
און זי אַ כאַפּ־געטאָן געשווינט,

ווי אַ געפּייף האָט איר געשריי
און איז פאַרשוואונדן איינס און צוויי.
ס'איז שוין יאָרן פיל אַוועק
און ס'ליגט אויף יעדן ווי אַ פלעק.

פילע זאָגן ס'איז אַ שד,
אין דעם ווינט זיך איינגעהילט
און ר'האָט די כלה—פאַר אַ ווייב
און חתונה פאַר זיך געשפּילט.

זוכט דער חתן זי אַרום,
אַלע יאָר אין אָט־דער נאַכט.
שיינט לבנה אויף אַ בלום,
בלייבט ער שטיין און קוקט און טראַכט.

לאהלע איז שיין געווען,
ווי די בלום אונטער לבנה־ליכט,
ווי איר פּנים וואָלט געזען
פון דער בלום שטאַרצט איר געזיכט.

שרייט ער: לאהלע, און רופט—
שווימט פאַרביי אַ חופה־קלייד.
ס'קלאָגט אַ שטימע אין דער לופט
און ס'רופט זיין נאָמען האַלבע רייד...

## פאַרהיט מיך גאָט

די פאַלשע פריינט האָב איך צעטריבן.
גוטע פריינט זיינען ווייניק דאָ!
בין איינזאָם איצט אַליין פאַרבליבן—
אַזוי אומעטיק זיך ציט מיין שעה.

פאַרהיט מיך גאָט פון שוואַרץ־געדאַנקען,
לאָז מיך נישט באַגיין קיין זינד.
ס'האָט מיין מוח סם געטרונקען,
כ'פּיל זיך מאַכטלאָז ווי אַ קינד...

## שלאָפלאָז

וועןּ שלאָף וויל דיך נישט פאַרוויגן
און ס׳וועבט אין מח דאָרט אַ מיל,
ווערסטו מיד פון שלאָפלאָז־ליגן,
געדאַנקען וועבן אָן אַ ציל:

זעסטו וועלטן,שוועבט פאַרביי דיר,
לאַנג, לאַנג פאַרגעסענע—לעבט אויף,
ווי דו געקוקט וואָלסט דורך אַ טיר,
געטראָגן אויף אַ וואָלקן ווייך.

פילסט זיך זאַטיק און צופרידן
פון שווערן נעכטן פילסט זיך גרינג;
יאָ, און יוגנט, פיל געליטן—
אַך די יוגנט, פאַרטראָגט און זינגט.

שוועבן, שוועבן אום געשטאַלטן
און דערמאָנען פון דיין גליק;
ס׳ווילט די וועלט זיך דיר צושפּאַלטן
צום יונגלעבן גיין צוריק.

ווען שלאָף וויל דיר בישט פאַרוויגן
און ס׳וועבט אין מוח דאָרט אַ מיל,
ווערסטו מיד פון שלאָפלאָז ליגן—
לאָזט אַוועק זיך אין טרוימען־שפּיל...

## אַ תפילה

כ׳שטיי צווישן בערג און איך טראַכט:
גאָט! ווער קאָן פאַרשטיין דיין מאַכט?
גיסט אונדז טאָג, דו גיסט אונדז נאַכט,
באַשעפער פון דער וועלט.
דו האָסט אין מענטשן שכל אָנגעפילט.
האָסט פאַר אים די הייסע ערד פאַרקילט.
דורך זיין חוהן האָט ער אַלץ פאַרשפּילט—
אַ ליכטיק שיינע וועלט...
נעם אַוועק שלעכטקייט פון דעם מענטש,
מיט גוט, און האַרציקייט אים בענטש;
גיב אים ריינקייט, שיינקייט:—קענסט!—
גיב פרידן אויף דער וועלט.

## די בעט

בעט איז מיין חבר אין שווערקע שעהן,
גלעט אויס מיר מייך צעבראָכן געמיט;
ווען הימל וואָלקנס באַדעקן מיט קראָען,
גיט זי מיר רו מיינע יאָכיקע טריט...

בעט ז'מיין חבר פון גאָר אין מיין שטוב,
גלעט אויס מיר ווי אַ קינד פון אַ מאַמען;
ווען לעבן מיך מאַטערט, אַט ביים גרוב—
שטילט זי מיין היץ, מיינע פלאַמען...

ווען כוח מיר פעלט, הייסט זי מיר ליגן,
האַלט ווי אַ קינד אויף פירעקיקע פיס.
פיל מאָל דוכט זי וואָלט מיך פאַרוויגן;
שלאָף־אייך, שלאָף־איין, שלאָף־איין—ביז

ס'קראַנק־געמיט פאַרגייט אין חלומות
ן'פירט מיך אין פאַרצויבערטע־מקומות...

## געדוכט, גערעדט האָט די הויז

כ'קוק אויף אַ הויז, צעלעכערט און אַלט,
פענסטער, ווי סקעלעטישע אויגן.
די לעכער דערציילן פון שיינעם אַמאָל,
וואָס האָבן פון פראַכט דאָ געזויגן.

ליבע האָט געהויזט דאָ, טאָג און נאַכט,
געזונגען פויגל פון בוימער און נעסטן,
ביימער מיט בליאונג באַשאָטן אין מאַי—
גליק פון פאַרפאַלק קאָן זיך ניט מעסטן...

מע האָט מיך געהיט, געפּאַרבט, געפּוצט.
וועגט געמאָלן פון קינסטלעכע הענט;
קאַרפעטן די ווייכסטע, מעבל־אַנטיק,
קריסטאָל די לאָמפּן אַרום האָט געברענט..

באַדינער, דינסטן, פּאַכיקע קענטשאָפּט.
געצערטלט, אַיעדער, פענצטער און טיר;

שויבן געלויכטן, ווי שפּיגלען פון ווייטן,
גלעקל פלעפּט הילכן ווי פּיאַנע־קלאַוויר.

שטאָלץ פון די הייזער פון גאַס געוועזן.
טענץ און מוזיק און בעלער גאַנץ־אָפט:
פּערד, עקיפּאַזשן, זילבערנע זאָטלען,
אַ שענערע צוקונפט, האָב נאָך געהאָפט.

אַ קינד ז׳געקומען, אַ מלאך אָן פליגלען.
פאַרליכטיקט די שטוב יעדער ווינקל.
געטופּעט דאָ האָבן קינדערשע פיסלעך—
טרערן פון פרייד שפּריצט מיט אַ פינקל...

אַזוי איז געקומען אַ דור נאָך אַ דור,
קינדער זיינען דערוואַקסן געוואָרן.
אויך זייערע קינדער, און קינדס־קינדער,
מיט ליבע צווישן ווענט דאָ געבאָרן...

פּלוצים, אומגליק דערשלאָגן האָט גליק,
אומגליק גענומען האָט הערשן, רעגירן:
געשטאָרבן ערשטע, דאָס גליקלעכע פּאָר,
דער גלאַנץ האָט גענומען פאַרלירן...

צווייטער דור, ערשטע קינדערשע טריט,
ס׳האָבן געפּרייט־דאָ, אויך אויסגעלאָשן,
דריטער דור—קינדער פון נייער וועלט,
האָט מען אין מלחמות זיי אויסגעשאָסן.

מ׳האָט מיר וויסט אויף הפקר געלאָזן,
פון זון געבראָטן, פון קעלטן געדריקט,
האָבן ווינטן און וואַנדאַלישע הענט,
מיינע טירן און פענצטער צעפליקט...

צעלעכערט די שויבן, די טירן צעבראָכן;
שטיקער פון ווענט אויסגעקניפּן:
דאָס איז די ענדע פון גאָר מיין גלאַנץ.
ביז שטאַרצן גענומען האָט מיר די ריפּן...

דאָס איז מיין מזל און אַזוי איז אַוועק,
אומגליק גענומען האָט הערשן, רעגירן:
אַזוי האָט געדוכט, גערעדט האָט די הויז,
די חורבה אָן פענסטער, אָן טירן!

## ערב־שבת

ערב־שבת, שוועסטער שייערט די לייכטער
מאַמע האַקט און פּילט אָן פיש.
טאַטע פּרעסט דאָס לעצטע הויזן־פּאָר,
מאַכט ריין פאַר שבת־קודש טיש.

די פעפערדיקע פיש צוריחט אין שטוב,
טאַטע מישט זענעפט און חריין;
שוועסטער ציט אַ קלאָרן טישטעך אויס;
כ'פּלאָנטער־זיך, אַ ברעקל, נאָך קליין.

און זשעדנע לויפן מיינע אויגן
צום טאַטן, צו שוועסטער און מאַמען.
ריח פון פיש־יויך עגבערט אין בייכל;
פרישע חלה שמעקט מיט טויזנט טעמען.

מאַמעס בליק שניידט איבער מיין פּנים,
אַ דינער שמייכל פּילן אירע ליפּן.
ס'קנייטשט אַ געלעכטער, אַרום די אויגן.
איך, פאַר פּאַרדרוס, הויב אָן צו כליפּן...

אָן ווערטער גליטשט זי צו פיש מיט חלה
און ס'מישן טרערן זיך מיט יויך.
נאָר איך, איך פיל דעם גרעסטן תענוג,
כ'פיל איצט דעם טעם נאָך אין מיין בויך...

## ברומט דער ים

ברומט דער ים, און רייסט די פעלזן,
ס'האָט דער ווינט זיך היינט צעשפּילט.
ס'איז דער הימל, אַ קלאָרער, בלויער,
געזאַלצן וואַסער אין לופט זיך פּילט.

אויפן פעלז הויך לייכט דער טורעם,
דער ווינט, ווי ער וואָלט גאָר געוויינט.
מיט שוים אַ ווייסן, קאַכט דער שטורעם,
ווי אָפּבייסן פעלז, וואָלט ער געמיינט...

וועכטער פיל מאָל דורך טורעם־פענצטער
שניידט אַ בליק אויפן בייזן ים,
די וואָלן הויבן זיך, ווי געשפּענסטער—
בייז, פאַרווילדעוועט—אָן אַ צאַם!...

(1911)

# אַ פֿאָלקס-ליד

האָט זיין יוגנט, וויליק געטראָגן
צום שלאַכטפּעלד זיך געיאָגט;
צו מאַמעס געבעט און קלאָגן,
מיט ליבע־רייד געזאָגט:
נישט וויין, מיין ליבע מוטער,
כ'וועל קומען גאַנץ און פריי;
כ'וועל אַ זעלנער זיין אַ גוטער—
כ'וועל מיין לאַנד דינען געטריי.

שונא וויל אונדז פֿאַרניכטן,
פֿאַרשקלאַפֿן וויל ער אונדזער ערד;
אַנטאָן אונדז שווער־געוויכטן,
דריקן מיט מורא פון שווערד.
גיי געזונט—וויינט די מוטער—
שונא טרייב פון אונדזער ערד;
זאָל גאָט אין הימל זיין אַ גוטער,
, זיין געבענטשט זאָל דיין שווערד.

האָסט זון מיין איצט צוויי ברכות
פון מיר, פון דיין צוקונפט־ווייב;
גיי אין הארץ, מיט פול הבטחות;
גיי דעם שונא, טרייב, פֿאַרטרייב!...

וויין נישט, וויין נישט כלה,
דיין ברכה שיינק מיר פֿאַרן וועג;
חתנים פילע, ס'גייען אַלע—
צום בלוטיקן געשלעג.

ווילסט אַ העלד אַ חתן האָבן!
ווילסט קיין פּיגלינג פֿאַר אַ מאַן!
ווילסט פֿאַר שאַנדע זיך באַגראָבן?
האָבן שפּאָט אויף יעדן שפּאַן?
שטאָלץ האַלט קאָפּ, ליבע כלה!
פֿאַרשעמען ווילסטו ס'זאָל דיך שונא?
מיר גייען בלוט פֿאַרגיסן—אַלע—
קיין שלעכט זאָל טרעפן צו אייך איינע.

— — —

גיי, געבעטשט זאָל זיין דיין אָרעם,
זיג זאָלסט ברענגען מיט דיין שווערד,
אין מלחמה, טומל, ליאַרעם,
דייק כלהס טרערן וועט זיין געהערט!

— — —

מיט טויט זיי ווילן אונדז פֿאַרשטומען,
אויסרייסן פֿון אונדז דעם צונג;
מוטער, כלה, כ'וועל קומען, קומען—
פֿריש, געזונט און יונג!...
מיר וועלן שונא, פֿיינט פֿאַריאָגן
מיט ביקס, מיט שאַרף פֿון שווערד;
מיר וועלן אַלעס איבערטראָגן,
באַזייען ווידער אונדזער ערד.

זייט געבענטשט, כלה; מאַמע־ליבע,
אייער ברכה כ'טראָג מיט מיר.
לייכט אויף אייערע אויגן טריבע,
זינגט אַ מוטיק־פֿריילעך שיר...
צום קאַמף, צום קאַמף אַקעגן שונא!
צום גליק פֿון אונדזער פֿאָטערלאַנד;
אַקעגן פֿיינט—אַרויס ווי איינער;
פֿאַר פֿרייהייט הויבט הויך די הענט!...

יונג! קיין צוואַנציק יאָר געבליט
און שוין אָן פֿיס זיין גוף.
ווען גראַנאַט האָט זיך צעשיט;
אוי, מאַמע! ס'איז געווען זיין רוף...

## ס'איז דאָ אַ יצר־הרע און אַ שטן

כ'וויס ס'איז דאָ אַ שטן,
אַ יצר־הרע איז אויכעט דאָ.
כ'בין ביי זיי אַ שפּילצייג—
יעדע רגע, יעדע שעה!
דער יצר־הרע—מאַטערט מיך,
באַהאָגלט מיך מיט שלעכטע זיטן;
האָב קיין כוח, שטעלן־קעגן־זיך—
כ'קאָן פֿון אים זיך—אויס־ניט־היטן...

זיי טרייבן מיך צו ווילדע מעשים,
צודרייען מיין מוח מיט בשמים־רייד;
עס רעדט אין מיר אַ פֿרעמדע שטים;
וואו זיי באַפֿעלן, פּוס מיין גייט...
כ'וועל פֿאַרלאָרן—פֿאַרליר מיין ווילן,
מיין איינגעשפּאַרטקייט איז ווי אַ קינד;
עפּעס שטופּט־זיך, גאָר אָן צילן
און באַגייסט אַ מיאוסע זינד!...

# יאָקל מלמד

זיצט יאָקל מלמד אין טרוימען פאַרטיפט.
לערנט, לערנט שפּעט אין דער נאַכט.
תקון־חצות הײנט ריכט ער אָפּעט
און דער מוח וואַכט.
גראָבט זיך און גריבלט דער אַלטער,
סודות זיך עפנט פאַר אים.
דמיונות האַרטע ווי דעמבעס שפּאַלט ער,
ווי פון אַן אונטערוועלט קומט זײן שטים.
דער ספר איז אָפן און אויגן קוקן,
אין מוח זיך וועבן אילוזיעס;
ווי עמיץ זאָגט אים הינטער רוקן—
יאָקל, קוק איבער די מזוזות!...

ווער־זשע שלאָגט מײן טראַכטן איבער?
ווערט ער בײז און קלינגט דאָס גלעקל.
אַזוי טוט ער אײנשטילן די קינדער,
פיל מאָל מיט אַ קניפּ אין בעקל.
חקירהט ער די טיפסטע סודות!
זוכט און גראָבט דעם וועג צום לעבן.
רש״יס פירושים זײנען עדות,
דמיונות ציען זיך און וועבן...
אָט־אָט־אָט איז ער צום סוף דבר געקומען.
געקראָכן אין די שבעה־שמים...
האָט דער שטן הינטער אים גענומען
און אים באַגאָסן מיט טמא־מים...

התלהבותדיק, ווי אויף פליגל,
ווי אויף וואָלקנס וואָלט ער זיך געטראָגן.
און ווי אַ קינד פילט זיך אין אַ וויגל,
ווי אליהו אין פײער־וואָגן.
שטן, שטן, שרײט ער אויסעט: שטן מקטרג!
האָב ערשט אין כסא־הכבוד געבליקט.
זײן ליכטיק געשטאַלט און פּנים געזען,
אַלײן זיך אין זיבעטן הימל געוויגט.
ווי פײער־גאָלד איז זײן כסא־הכבוד,
און ער אין זײן מלכות באַפעלן גיט
און מלאָכים פאָלגן, שמע־בקול—
אַרום בעלי־עצות און ער אין דערמיט.

שטן, שטן, מזוזות מיינע זיינען כשר,
כ'האָב גאָטס פּנים בפירוש געזען;
וויפיל תּפילות־הדרך האָב איך אָפּגעריכט,
אַ נס אַזאַ, נאָכאַמאָל, ווען קאָן דאָס געשען?

שטן, שטן!—מיט רוגזה שרייט ער:—
צעשטערט וואָס האָסטו מיינע זעאונגען?

זיין קאָפּ האָט ער ביטער אַריינגענומען,
זיך פאַרמוחט און שטיל זיך צעזונגען.

אוי לי אם אומר, ואוי לי אם לא אומר:
אַ זינדיקער מענטש בין איך;
אָדם־בשר: ווי זען קאָן איך גאָטס פּנים?
רבונו־של־עולם, קאָן אַ בן־אָדם זען דיך?

ס'איז ניט דער שטן, דאָס איז דיין ווילן,
אומישנע צעמישט האָסטו מיין דמיון;
אומישנע, און אפשר טאָקע די מזוזות,
איז פּסול אין מיין בנין?
האָט ער ווידער קאָפּ אין הענט גענומען
און נאָך מערער זיך פאַרמוחט:
ווי קום איך וואָגן, אַ בן־אָדם —
צו דענקען, גאָט צו זען מיט מיין כוח?
אפשר בין איך אַראָפּ פון זינען?
וואָס־זשע זוך איך? וואו־זשע קריך איך?
ווער־זשע בין איך, וואָס וויל געפינען—
סודות דיינע—אפילו זען דיך!

„כ'האָב אַ קריינק זיך איינגערעדט",
פאַרקראָכן כ'בין אַזש אין הימל.
כ'בין אַ חולה, אַ חולה פאַרן בעט—
אַ חולה־מסוכן, און דאַרף בענשטן גומל...
כ'בין אַן איש קטן און וויל פליען—
קינדערשע געדאַנקען אַנגעטרונקען.
אַ קינד אַ נאַרישער און וויל שפּילן,
מיט געטלעכקייט און—געזונקען...
אין האַלוצינאַציעס און משוגעת;
אפילו משה האָט פלייצע דיין געזען.
און געפונען פילע אַנדערע ראיות—
רבונו־של־עולם, מיט מיר איז וואָס געשען!

אויב אַ זינד איך האָב באַגאַנגען?
האָב איך טעות מיין פאַרזען.
צו טיף געווען איז די פאַרלאַנגען
און דאָס איז, וואָס מיט מיר איז געשען:
געוואָלט מיט מיין פשוטן גלויבן,
מיט תעניתים, מיט מאַטערן מיין גוף;
כ'האָב געוואָלט זיך אַזוי דערהויבן—
געוואַרט פאַר דיין צייכן, פאַר דיין רוף...
וואו האָט מיין גלויבן מיך פאַרטריבן?
און האָט מיין מוח מיט צעדרייט,

װי אַ קערנער, אין מיל צעריבן—
צי אפשר איז מײַן לײזונג—טויט! ?

פאַרגיב מיר, אַ פאָטער פון אויבן;
פאַרגיב מיר מײַן שרעקלעכע זינד;

כ'בין געבונדן צו דיר מיטן גלויבן—
ביזט מיין פאָטער, איך בין דיין קינד!
אויב איך האָב פאַרזינדיקט? אומשולדיק
מיין זינד איז באַגאַנגען,
טאָ זיי מיט מיר נישט אומגעדולדיק,
כ'בין דורך ספרים געפאַנגען.
כ'בין גרייט מיין לעבן אָפּגעבן,
אַ קרבן צו ווערן בין גרייט,
אַבי משיח זאָל קומען און געבן,
דער מענטשהייט שלום און ברויט...

ס'האָט זיך מיין דמיון צעפלאַקערט,
אַז איך האָב דיין פּנים געזען,
נאָך מערער מיין גלויבן צעאַקערט,
אַז איך בין אין הימל געווען...
געטענהט אַזוי, האָט יאָקל מלמד,
די קאָפּ אין די הענט איינגעקלעמט,
זיך געשאָקלט ווי ער וואָלט ביים עמוד,
געדאַוונט, אַלץ די קאָפּ אין די הענט.
אַזוי אַנדרימלט איז יאָקל געוואָרן...
אָט איז ער גאָר אויף יענער וועלט;
ווי אַלט? מען פרעגט אים; וויפיל יאָרן?
און אַן אַ זייט האָט מען אים געשטעלט.

איז יאָקלען אַזש אַ פּחד באַפאַלן,
שווער זיין שטראָף וועט זיין, אַ, שווער.
ער הערט שופר בלאָזן—שאַלן
און אַהינצו טוט ער זיך אַ קער.
ערשט ער זעט אַ בית־המשפט
און דער דיין געקליידט אין שוואַרץ,
און רייען און רייען מע שטייט
געבויגן די קעפּ אויפן האַרץ.
צו לאַנגע יאָרן פאַרמשפּט, גיהנום,
שווער צו זעען געוועזן זייער צער.
נאָר גאָט קיינעם שטראָפט בחנם—
גערעכטיקייט איז גאָטס משפּט דערפאַר.

דאָ רופט מען, הערט ער, זיין נאָמען,
עס טרייסלט פּחד זיין יעדער טראָט.
ווייזט זיין נאָמען אויס, דאָ קאָן מען;
געזינדיקט קעגן דיר האָב איך, גאָט.
בייז קוקט דער דיין, דער שופט:
דערקלער מיר, בעל־חוצפּהניק דו ! ?
ער פילט אַזש ס'פּאַלצט אים דער דופק;

וואו טוט מען אַ הין־זיך, אַוואו?
דיין זינד איז אַ שווערע, רב יאָקל,
פינגערט דער שופט צום אים:
משיח מיינסטו איז אַ פלעקל?
האַרט און מיט כעס זיין שטים.

כ'וועל דיר דיין פסק לאָזן טראָגן,
שווער וועט די שטראָף אויף דיר וועגן,
און איידער די נאַכט וועט נאָך שלאָגן
וועסטו יאָך־פילן פון מאָרגנדיקע טעג...
און שווער איז דער יאָך פון גיהנום
און יאָקל די שטראָף טראָגט בלחש
און אָטעם ער קאָן נישט געפינען—
שווער איז צו פילן—אחת־ואחת...
נאָר פלוצים מען רופט אויס זיין נאָמען
און גרינג ווערט זיין יאָך ווי אַ פעדער.
ער קאָן זיך אַליין נישט דערקאָנען,
ער גייט ווי געטריבן אויף רעדער...

מען פירט אים אַריין אין אַ חדר,
משיח עס קומט אים אַנטקעגן
און וואָס־ווען און נאָך־נאָך איידער,
איז ער פאַר אים אויף די קני שוין געלעגן.
שטיי אויף—זאָגט משיח—און הער מיך;
דיין כוונה איז ריין; קאָן משיג זיין;
כ'וועל משווה־זיין און דו קער זיך
צוריק אויף דער ערד און אָן פיין.
ס'איז די ערד נאָך האַרט און טרוקן.
בלוט, טרערן, דאַרף זי דורכווייקן—נאָס;
דער משקל פון צרות אויפן רוקן
און די פאַרב פון צרות איז נאָך בלאָס!...

אַ חיה דער מענטש דאַרף נאָך ווערן;
ברודער, אַ ברודער דאַרף עסן זיין פלייש.
אַ חיה איר מין וועט פילן, דערהערן—
וועט אַ ברודער דאָן פרעסן, הגם ער ווייס
אַז ער איז אַ טייל פון זיין מין...
ער וועט נאָך זיין ווילדער פון חיה,
ווען ער וועט אַרומגיין פאַרלאָזן פון זין,
און קיינער נישט גיין וועט נאָך אַ לוויה...
ווען פאַרניכטונג וועט גרייכן די דעק,
ווען שווער ציען די לופט וועט אָטעם,
ווען אָדם וועט דערפילן דעם פלעק—
אויסראָט פון פאַרניכטענדן אָטאָם...

װען הונגער װעט ברענען דעם מוח,
װען צונג װעט הענגען פון דורשט,
װען דעם מענטש װעט פעלן דער כוח —
צו מערדעריי, נישט האָבן קיין לוסט...
דאַן װעט רבונו־של־עולם הייסן מיר גיין,
דאַן ערשט אַזױגעֹ, װי דו, יאַקעלע מיין,
װעסט קריגן אין גאָטס אויערן חן —
דאַן ערשט װעל װעלט באַפרייען פון פּיין,
דאַן ערשט שיקן װעט ער מיך צו רעגירן,
דאַן װעל איך גאָטס שליחות ברענגען,
דאַן װעל איך מיט גאָטס חסד דורכפירן,
דאַן װעט אַ נייע װעלט אין חלל הייננען!...

פּאַלט אויף די קני יאַקל און קלאָגט:
משיח הייליקער, צופיל בלוט ז׳פאַרגאָסן!
נאָר משיח אויך װיינט און זאָגט:
נישט אַלע האָבן ביטערקייט געגאָסן!...
װיפיל נאָך יידיש בלוט און טרערן?
װיפיל נאָך ליידן? װיפיל נאָך מאַטער?
קינדער־געװיין זאָל ער דערהערן —
פאַר װאָס און פאַר װען נאָך װאַרט ער?
זאָל זייער געשריי אין זיינע אויערן,
װי דונער־קאַנאָנען צו קנאַלן
און װי געשפּענסטער אויף אים לויערן,
אַזש די כסא־הכבוד זאָל צופאַלן...

ס׳איז שװער דאָס יידיש לעבן,
געיאָגט, געטריבן און פאַרשעמט;
מיר האָבן דער װעלט אַלץ געגעבן
און פאַר זיך פון צרות — פאַרטעמט...
אַ, משיח! בלאָז דעם שופר של משיח,
צד נעם פאַר יידישע צרות,
דו, נאָר דו, פאַרמאָגסט דעם כוח —
דו, נאָר דו, איז אונזערע ערבות,
ניין, מיין זון, זאָגט משיח בלחש:
בעסער װייסט גאָט װי צו רעגירן;
גאָט האָט באַשאַפן אַלץ בנשימה אחת:
ערד און הימל ריכטיק אַלץ מאַרשירן.

קוק, די זון, די לבנה און שטערן
פאָלגן זיין גאַנג; זיי טוען זיין װילן;
טאָג און נאַכט זיינע באַפעלן זיי הערן,
אַלץ װאָס ער טוט, פירט צו זיינע צילן,
מיינסט אַז קאָמעטן, פּלאַנעטן און שטערן,

אויך זיי זיך באַקלאָגן פאַרן בורא־העולם;
ליידן פון קאָסמישן רעגן פון שווערן,
פילע פון זיי אויך גייען אין בית־עולם...
גרויס איז גאָטס רצון, איז בעל־רחמנות.
אַלץ ווערט אָפּגענוצט, מוז מען פאַרריכטן;
אַלץ וואָס איז דאָ האָט לעבן, האָט נשמות,
אַלץ איז געבאָרן פאַר זייערע פליכטן...

אַלץ וואָס ז'דאָ איז אומזיסט נישט געבאָרן;
אַ בוים, אַ שטיין, אַ וואָרים, אַ שלאַנג;
אויב גוט זיין וועט יעדן, ז'אַלעס פאַרלאָרן,
פאַרגעסן וועט ער גאָט, ווילד אין זיין גאַנג.
אויב ס'איז שלעכט אים, רופט ער צו גאָט.
אויב איינעם גוט איז, דאַנקט ער גאָט.
אַזוי וואָלט געוואָרן גאָטס נאָמען צו שפּאָט;
מענטש דאַרף וויסן, גאָט וואו גיט אַ טראָט.
איז יאָקל מיט צאָרן, בלוט אין די אויגן.
מיט ליפּן פאַרשטייפטע, רייסן געשרייען,
האָט זיך געשאָלטן און טיף זיך געבויגן;
אַדורך איז אים דורך גייסטיקע ווייען;

וואָרום האָט גאָט אונדז אויסדערוויילט?
פאַר לעזאזל פון ניט־יידישער וועלט?
ווי שטערן־זאַמד וועט מען אונדז ציילן—
מיט זיין ברכה האָט ער אונדז פאַרשעלט.
וואו־זשע איז זיין צוזאָג, זיין געבאָט?
אמת, מיר זיינען פון וועלט די שטערן...
ווי ביליק זאַמד פאַרן גויאישן טראָט—
אונדזער ווי וויל גאָט אויך נישט הערן...
אונדזער בלוט איז הפקר ווי וואַסער.
מען שענדט אונדזער שטאַם, אונדזער גאָט!
אונדזער לעבן איז בלוטלאָז, אַ בלאַסער—
פאַראַכטעט פון יעדן מיט שפּאָט.

מען שיסט, מען ברענט אונדז, מען גאַזט,
מען קוילעט קינדער, פּרויען מען שענדט!
ווי שרצים מען האָט אונדז פאַרהאַסט—
הפקר ווי זאַמד אין ניט־יידישע הענט...
מיר גייען אויף קידוש־השם.
מיר טראָגן זיך קרבנות פאַר גלויבן;
די וועלט איז אַ טיגער ,דער ייד איז אַ לאַם.
פון אישיות מען טוט אונדז באַרויבן!...
פּלוצים האָט אַ דונער געגעבן, אַ קנאַל,
אַ בליץ אין אַ זיג־זאַג האָט זיך צעצויגן

און יאָקל האָט פון דרימל דערוואַכט
און מיט פּחד געעפנט די אויגן.
גלייך האָט ער דעם ספר פאַרמאַכט,
די אויגן צום הימל געהויבן:
רבונו־של־עולם—דו האָסט די מאַכט—
צו שאַפן און קאָנסט אַלץ צושטויבן!...

# אין ליבע-קראַנץ

## ער

### I

האָב דיר נישט געזאָגט,
ווי ס'פּלאָטערט מיין האַרץ פאַר דיר?
דיין טראָט הילכט, וואו אַ טראָט דו
שטעלסט.
דיין שטימע מוזיק איז פאַר מיין ליר;
אין לעבן מיר דו פעלסט.

הער צו מיין תפילה, מיין געבעט.
גרייכט דיר נישט אָפּקלאַנג פון מיין
וואָרט?
יעדער נאַכט שלאָפלאָז איז מיין בעט—
טאָג און נאַכט געפין מיר ניט קיין אָרט.

פעלסט מיר ווי אָטעם אין מיין ברוסט;
פעלסט מיר ווי ברויט פאַר מיין דערנער;
האָב פאַרלאָרן צום לעבן־וועג דעם
לוסט—
צו דיר מיין רוף, מיין רוף דערהער!

### II

קאָנסט ניט פילן, ציטער פון מיין האַרץ,
דעם פיבער־אָטעם, וואָס ס'שלאָגט
פון מיר?
אַ ליבסטע מיינע, מיין איינזאַם וועלט
קאָן נאָר פול ווערן מיט דיר.

דיין בליק און שמייכל צערייסט מיין
האַרץ,
כ'וואָלט מיט להבה פון מיין קוש
באַפּורפּלען דיינע ליפּן פולע,
מיט מיין בלוט אָנשטאָט דיין רוזש.

בשמים שלאָגט פון דיר, ברויזט אויף,
וועקט אין ברוסט אין גאַר מיין גוף;
דיינע אויגן גלעטן מיר, אַ גאָט;
שיק זי צו מיר, הער צו מיין רוף.

ביינקענדע נעכט טרייבן מיך אין גאַס.
און די לבנה צויבערט און האַרץ מאָנט...

שיקזאַל, שפּילסט מיט מיר אַ שפּאַס?
ליבן וואָלט איצט נאָך אויך געקאָנט...

### III

איך ווייס דו ליבסט מיך אויך,
נאָר שווער אונדז זיך צו דערקלערן...
דו ביזט נאָך יונג צאַרט און ווייך.
נאָר אונדזער האַרץ־קלאַפּ שטערן הערן.

דו עלמה, האַלטסט שטאָלץ דיין ערע.
טוסט אין האַרץ דיין ליבע באַגראָבן.
איך, מיט מיינע יאָרן—שווערע—
מיט מיינע אויגן, טו דיר שקראָבן...

כ'וואָלט אויסגעקושט דיין יעדן גליד.
כ'וואָלט מיט דיר אויף וואָלקנס פליען.
איך בין פון ביינקעניש שוין מיד—
צו פילן דיך, דיין אָטעם אריינציען...

### IV

דיין בייגיקייט, דיין צאַרטער בליק,
דיין שמייכל פידלט אויף מיין ברעם.
האָסט אָנגעטאָן אויף מיר אַ שטריק—
כ'בין ביי דיר ווי אין אַ קלעם.

צויבער דיין האָט מיך פאַרבלענדט
און כ'בין מער נישט מער, מיין איך;
כ'בין טייג אַ שטיק אין דיינע הענט,
כ'זע קיינעם אַ חוץ דיך.

ביזט דאָך בשר, דו ביזט דאָך בלוט,
דאָך ברענסטו מיך מיט פייער־פלאַם.
ס'האָט מיין האַרץ, קיין רגע, קיין מינוט;
האָסט אָנגעהאנגען אויף מיר אַ צאַם...

כ'ווייס, דו נאָר קאָנסטו געבן מיר.
כ'ווייס, ביזט דער אַפּל פון מיין אויג
מיין לעבן גאָרנישט איז אָן דיר.
פאַר דיר מיין גאַנץ פאַרמעגן—לייג.

### V

שיינק מיר לעצטע פאָר יאָר—לעבן,
דעם טרונק פון זאַפטיק בעכער דיין.

כ'וועל דיך אין חלום־ליד, איינוועבן,
דו ליכטיקע, מיט זונען־שיין.

אָ, וואונדער פון דעם מענטשן־מין,
אָן דיר אָפּשטאַרבן וואָלט די וועלט;
דו ביזט די וועבשטול פון לעבנס־שפּין,
דו זעטיקסט מאַן אין זיין געצעלט...

אַ פרוי, אָן דיר, ווי מדבריש וואָלט זיין
די הויז, די גאַס, דו שענסטע בלום;
דיין קוש באַטעמטער פון שטאַרקסטן
ווין—
ביזט דער באַוועג פון אַלץ אַרום.

## VI

אַ בלום ביזטו פאַר מיינע אויגן,
דער ברויט פון מיין טיש.
דיין פּנים בלענדט—אַ רעגנבויגן—
דו ביזט אי האָניק; ס'טוט ווי דיין ביס..

דאָך כ'קאָן אָן דיר נישט עקזיסטירן,
דו פעלסט מיר, בייטאָג, ביינאַכט;
פאַר דיר בין גרייט צו מאַרשירן
אין לעבנס שווערסטן שלאַכט...

זיי דו דער שאָטן אין מיין לעבן,
גיי מיר נאָך וואו איך טרעט.



דו, באָר דו, קאָנסט רו מיר געבן,
רו מיט דיר געפינט מיין בעט.

## VII

זיי רעכטע האַנט אין מיין וואַנדער.
זיי פאַקל אין מיין זיג־זאַג וועג.
זיי דו דער בעכער, צו שטילן דורשט—
אין מיינע שטורעמדיקע טעג.

זיי דו מיין חבֿרה, ווען נויט דערדריקט.
זיי דער שטעקן פאַר מיין אָנשפּאַר.
אָן דיר דער לעבן—שטיקט;
אָן דיר מיין טראָט—געפאַר...

פיר מיך און גיב מיר רו.
גאָט האָט דיך געשאַפן מיט מער מי;
מיט דיר מאַך איך מיינע אויגן צו;
מיט דיר שאַף איך די שענסטע פּאָעזיע.

## VIII

מיט דיר וועט זמר זיין מיינע טעג.
מיט דיר וועט רו זיין מיינע נעכט.
מיט דיר וועט זון שיינען מיין וועג;
מיט דיר געווינען כ'וועל מיין געפעכט..



מיט דיר וועט קרעפּטיק זיין מיין טראָט.
מיט דיר וועט זיס זיין יעדע שעה.
מיט דיר וועל אָפּוואַרפן—די שפּאָט—
וואָס סע ליגט אין וועג מיר דאָ.

מיט דיר וועל שטאָלץ האַלטן מיין קאָפּ.
מיט דיר וועט זאַט זיין אָרעם ברויט.
מיט דיר גיין וועל איך אין גאַלאָפּ—
מיט לעצטן אָטעם קעגן טויט...

## IX

### זי

איך הער דיין רוף, איך הער דיין רוף.
כ'קום גאַלאָפּ איך יאָג צו דיר.
איך טראָג אַקעגן דיר מיין גוף;
האַלט אָפן פענסטער, האַלט אָפן טיר.

באַציר מיט בלומען, באַציר דיין שוועל,
זאָל דופטן יעדער ווינקל אין דיין הויז.
מיט ליכט באַלייכט—לופטיק העל
און איך וועל שיינען ווי אַ רויז.

איך הער דיין רוף, איך הער דיין ליד.
כ'קום, איך גיי, מיט גיכע טריט.
דורך בערג און טאָלן, כ'בין נישט מיד,
ווי פליגלען טראָגן—צו דיך מיך ציט.

האַלט אָרעמס אָפן, איך קום, איך קום.
כ'ווייס, כ'ווייס, דו גאַרס נאָך מיר.
כ'וועל דערשיינען פאַר דיר—אַ בלום—
איך וועל אויפבליצן ביי דיין טיר.

## X

כ'יאָג דורך ווינט, דער וועג איז שווער,
און איך וועל דורכברעכן מיין וועג.
איך הער דיין רוף, איך הער דיך, הער;
ווי שווער די נעכט זיין זאָלן—מעג...

דורך רעגן, שניי און דורך דונער, בליץ,
וועל דורכשניידן, וועל קומען;
מעג וואונדן שניידן מיט אַ קריץ—
איך האָב אַ נדר זיך גענומען;

קיין זאַך שטערן זאָל מיין גאַנג,
דיך ברענגען וועל איך זיך, מיט שיין

און הערן פריידיק דיין געזאַנג—
און שטילן דיין בייַנקענדיקן פּיין...

## XI

עס פליען טויבן אין מיין וועג,
עס זינגען פויגל זיסע טענער.
איך שנייַד מיין וועג, ווי מיט אַ זעג—
קירץ די צייט אין האַלב—נאָך קלענער.

דערוואַרט,ליבער, כ'וועל ברענגען מיך,
קיין צאַם דעם וועג, וועט צאַמען.
כ'וועל דורך פעסטונגען דורכשלאָגן זיך
דורך לענדער און דורך ימען.
איך פיל דיין אָטעם ווי עס פלאַמט,
עס ריח'ט ווי מיט אַראַמאַטן.

ווינט ווי פינגער, די האָר מיר קאַמט,
און ס׳דונערן ווי האַרמאַטן.

ס׳יאָגן כמאַרעס, דער רעגן שמייסט—
און פליקן שטיקער מיינע קליידער.
די בליצן מיט זיגזאַגן—רייסט—
כ׳יאָג צו דיר זיך אַלץ כסדר.



## XII

הער, הער, כ׳רוף דיך מיט גרויס פרייד,
מיין גוף פיבערט פון באַגער...
דורך פעלדער, וועלדער ,ערד זיך דרייט
צו געפינען דיך—איז מיר באַשערט.

כ׳רייס זיך דורך, דורך זונען־שטראַלן.
איך פלי אויף וואָלקנס, ווייס ווי פוך,
און וועט דער וואָלקן זיך צעפאַלן,
וועט מיך צוציען דיין גערוך...

ס׳שלאָגט פון דיר בעז, מיט פרישן היי.
עס רייסט דער ריח מיר אין נאָז.
איך בייִנק נאָך דיר, מיט זיסן ווײ,
עס ציט צו דיר ווי ערד נאָך גראָז.



## XIII

מעג ציען יאָרן, צי פרי, צי שפּעט,
כ'וועל געווינען מיט צייט געוועט.
כ'וועל געפינען דיין מידן טראָט,
ווייל אונדז באַשערט אַ פּאָר האָט גאָט!

מעג דערנער־צאַמען, ביטער־צייט,
מעג וויטערן, מעג זיין ווי ווייט,
איך וועל דעם וועג צו דיין טיר
געפינען און זיך ברענגען דיר.

## XIV

אַ ליבער, האָסט מיר אין חלום געליבט.
איך האָב דיין ליבע אין חלום גענערט.
כ'האָב שוין מיט דיר זיך פאַרקניפּט;—
דו ביזט מיר באַשערט!...

איצט באַשטימט, איך וויס, איך וויס.
די זיסע פרייד פון צוויי זיין—איינס...
קיין גרעסטער גליק ז'אַזוי ניט גרויס
פון צוויי, ווען ליבע איז אַ ריינס.



## XV

די ליבע וועט אויפבליען דאָן
און פיל, אונדז פיל באַלוינען—
נאָענט וועט זיין דער וויטסטער שפּאַן,
אונדזערע גרויע קעפּ באַקרוינען...
אַ טאָג אין גליק וועט זיין אַ יאָר,
אַ יאָר וועט זיין אַן אייביקייט.
מיר זיינען אַ באַשערטע פּאָר—
אונדז האָט באַשטימט—די צייט...

## XVI

כ'קום, מיין ליבער, איך קום, איך קום.
דערוואַרטע מיך סיי פרי, סיי שפּעט;



ז'ווינטער שטאַרבט פון קעלט די בלום—
אַגב וואָרצל וואַרעמט ווי אין אַ בעט...
כ'וועל קומען מיין ליבער, כ'וועל קומען
אונדז וועט טויט אויך ניט צושיידן;
מיר וועלן וואַנדערן דורך רוימען,
מיר וועלן צום סוף זיך—ביידן...

ברענגען וועט אונדז גאָט צוזאַמען
דורך וואַנדער איבער דערנער שטעכיקע;
מיר וועלן דורכגיין, וואַסער, פלאַמען,
אונדער שיף, אַ זיכערע—אַ פעכיקע...

כ'קום,באַשערטער—וועג פירט צו דיר.
דיין אַראָמאַט טראָגט זיך איבער רוים;
פרי צי שפעט, וועל קומען צו דיין טיר.
דו ביזט מיין אידעאַל—מיין טרוים!

# דבורהלע אויף דער לבנה

(פראַגמענטן פון „די זיבן טירן״)

פירט מען מיך אין פערטער טיר,
פיל איך אַזוי מאָדנע מיר,
עפּעס טראָגט מיך אין דער לופט,
אוי פרינצעסיק, עמיץ רופט.
און איך פיל זיך אין דער הויך,
ס'איז מיר לייכט און ס'איז מיר ווייך,
ס'טראָגט אַ וואָלקן מיך געשווינדט
שטאַרק געטריבן פון דעם ווינט...

פיל איך ווי מיין אָטעם שטיקט,
און דער ווינט מיין קלייד צעפליקט,
די לבנה ווערט גאַר גרויס,
ווערט דערנאָך מיר אַזוי הייס.
גרויס און גרעסער און גאַר גרויס,
און עס גיסט פון מיר אַ שווייס,
די לבנה ווערט ווי ערד,
און די ערד—לבנה ווערט...

ביי אַ הויכן באַרג פון שטיין,
קען דער וואָלקן מער ניט גיין,
שפרינג איך פון אים באַלד אַראָפּ,
לאָז זיך לויפן אין גאַלאָפּ...
שטיין איז האַרט, איז אויך הייס,
און פון מיר שלאָגט אַ שווייס,
און די פיס, זיי טוען וויי,
דאָך איך גיי, גיי און גיי...

פּלוצלינג: כ'הער אַן אויסגעשריי,
זע איך מיינע דינסטן צוויי?—
פריי איך זיך ז'בלייב באַלד שטיין,
ביז זיי קומען צוצוגיין...
ווי־זשע קומט איר דאָ אַהער?
האָט אייך דען געבראַכט דאָ ווער?
וויינען זיי און פרייען זיך,
וואָס זיי זעען נאָך לעבן מיך...

„ווען דו ביסט פון אונדז אַוועק,
זיינען מיר געווען אין שרעק״,
האָבןביידע איצט געלאַכט:
ס'האָט אַ וואָלקן אונדז געבראַכט...

גייען מיר פון באַרג אַראָפּ,
און עס דרייט פון היץ דער קאָפּ...
גייען מיר שוין פילע טעג,
ווייסן ניט וואו ס'פירט דער וועג...
און די כוחות גייען אויס,
און דער הונגער איז אויך גרויס,
און דער דורשט אונדז מאַטערט מער,
דורשט צו לײַדן איז גאָר שווער...
באַלד דערהערט זיך עפּעס ברומט!
ווערן הערצער אונדז פאַרשטומט.
גייען מיר פאַרגנבעט שטיל,
גאָט, מיר זעען אַ קראָקאָדיל.



דאָך מיר שרעקן זיך ניט פיל:—
אויב ס'איז דאָ אַ קראָקאָדיל?
מוז דאָך אויך אַ וואַסער זיין."
טוט אַ האָפּענונג אַ שיין...
דריי קעפּ האָט דער קראָקאָדיל,
און באַוועגט זיך זייער שטיל,
יעדער קאָפּ מאַכט אויף אַ מויל,
נעמט אַזש דורך אַ שרעק, אַ גרויל...

טוט אַ שפּרונג דער קראָקאָדיל,
און איינשלינגען אונדז ער וויל,
זעען מיר אין שטיין אַ שפּאַלט,
מיר באַהאַלטן זיך דאָרט באַלד!
פּלוצלונג פּאַלט אַ שטיין אַ ראָפּ,
גלייך דעם קראָקאָדיל אין קאָפּ,
אויפן אָרט אים גלייך געטויט,
האָבן מיר זיך שטאַרק דערפרייט...

זעען מיר אַ קלייעם טייך,
טרינקען מיר זיך אָן דאָ גלייך,
פילן מיר שוין דורשט ניט מער,
בלויז דער הונגער ווערט אונדז שווער.
גייען מיר אַזוי פאַרטראַכט
באַלד דאַרף אָנקומען די נאַכט.

פלוצים טוט אין ווייט אַ שיין—
דינסטן, קוקט, וואָס קאָן דאָס זיין?...

אויבן דאָרט אַריבער טייך,
שטייט אַ פּאַלאַץ גרויס און רייך,
צונדן לאָמפּן זיך דאָרט אָן—
און עס קרייעט שטאַרק אַ האָן.
זיצט אַ קעניג אויף אַ טראָן,
און עס פלאַטערט הויך אַ פאָן,
און ער זאָגט: „ברייגנט זיי אַריין,
זאָלן זיי דאָ געסט אונדז זיין."

ברענגט מען אונדז אין פּאַלאַץ דאָרט,
פרעגט דער קעניג ניט קיין וואָרט—
„עסט און טרינקט זיך אָן ביז זאַט,
רוט זיך אויס, איר פילט זיך מאַט!
אָפּגעגעסן, אויסגערוט,
האָבן מיר דערפילט זיך גוט...
אַלץ באַקוקט און אַלץ געזען,
וואָס אין פּאַלאַץ איז געווען...

מענטשן זיינען דאָרטן מאָדנע:
האָבן פּנימער ווי חיות,
האָבן פּנימער ווי פייגל,
און דערצו אַ האָרב אין רוקן,
ס'איז אַ שרעק אויף זיי צו קוקן...

צען פוס זיינען אין הויכקייט
און דער קעניג איז נאָך העכער,
אויגן האָט ער דריי אין שטערן,
שפּיציקע און גרויסע ציינער,
וואָס מיט זיי צעקייט ער ביינער.



הערנער גרויסע האָט דער קעניג,
אויערן, ווי ביי אַן אייזל,
און אַ נאָז מיט זיבן לעכער,
און אַ מויל אַ גרויסן, ברייטן,
מיט אַ לאַנגן צונג אַ רויטן.

פרעגט דער קעניג, ווער מיר זיינען,
ווי מיר זיינען דאָ געקומען,
און מיר אים דערציילן אַלצדינג,
אַז מיר קומען פון דער ערד,
און דער קעניג פריילעך ווערט.

הייסט דער קעניג ברענגען וויינען,
טרינקט, זאָגט ער, דערציילט אונדז מער,
וואָס ס'טוט זיך אויף דער ערד.
זיינען אַלע מענטשן קליינע?
ווייסע, גלאַטע, ווי איר, שיינע?

הייסט דער קעניג גלייך איינשפּאַנען
צוויי געקרייזלטע באַראַנען,
און קלייבט אויס פון זיינע ווייבער
איינע פּאָר אַן אונטערטרייבער.

מיינען מיר, ס'איז גלאַט באַראַנען,
ס'איז אַזעלכעס ניט פאַראַנען:
האָבן פליגלען, קענען פליען,
מיט איין אָטעם—מיילן ציען...
און מען פירט אונדז אַלץ באַווייזן,
וועלדער, ימען מיר באַרייזן,
פירט אונדז ווייזן דעם גן־עדן,
זאָגט, ס'וועט אונדז פאַרשאַפן פריידן.

זעען זיך פון ווייטן שטראַלן,
פאַרביק בויגן זיך ווי וואַלן:
„דאָ־אָ וועלן מיר אויסשטייגן,
אַלע וואונדער אייך צו צייגן...“

אין גן־עדן פון לבנה גייען מיר אַריין,
דאָרט באַגעגנט אונדז אַ בלויער שיין,
קניט אַראָפּ פאַר מיר:—
קום, פרינצעסין, כ'וואַרט אויף דיר...

באַגעגענען דאָרט אונדז קינדער קליינע,
זיי טראָגן פאַקלען רויטע
און זינגען לידער פאַר אונדז שיינע
פון לעבעדיקע, טויטע:
פאַר אונדז אי דער גן־עדן,
פאַר אונדז איז דער גן־עדן...

פירט מען אונדז אין גרויסן גאָרטן:
דאָ וועט איר חיות זען אַלע סאָרטן.
דאָ זיינען פויגל, וואָס קאָנען ריידן.
רוף איך שטיל צו מיינע מיידן.

קומען פויגל אונדז אַקעגן צוויי,
גרויסע בערישע פיס האָבן זיי,
אויגן גרויס, ווי אַ היגערשע איי,
און איך פאַרוואונדערט קוק און שטיי.
שפּרינגען צו צוויי בלויע ראָבן,
אויפן קאָפּ פעדערן גילדערנע האָבן,
און זינגען, ווי אַ פידל וואָלט שפּילן,
און צום סוף, ווי הינט וואָלטן בילן.

אַלע קומען צו צוויי אין אַ רייע
און גייען טאַנצנדיק אונדז פאַרביי.
דאַן קומען אַריין צוויי פּאַפּוגייעס,
מיט פּנימער ווי פון ווילדע חיות.

דערנאָך זיינען פליען געקומען,
קליינע פויגעלעך, זינגען גענומען,
מיט פאַרשידענע פאַרבן, קאָלירן
און פון הינטן די קינדער מאַרשירן.

דאַן האָט מען געפירט אונדז איך גאָרטן
פון בלומען פון טויזנטער־סאָרטן,
ס'האָט אַזש געשווינדלט די אויגן,
ווי זיי וואַלטן פון צויבער געזויגן.
און גאָר פלוצים האָט אַ רעגנבויגן
זיך אַראָפּגעלאָזן פאַר די אויגן.
דאַן געקומען אַ לייב איז מיט אַ לייבין,
מיט זילבערנע האָר' פאַרנט און אויבן.

העלפאַנדן צוויי מיט גילדערנע נעזער
און בערן בלאָע מיט אויגן ווי גלעזער.
אַזוי איז געקומען, חיות נאָך חיות,
געטאַנצט, געשפּרונגען, געמאַכט העוויות.
דאַן זיינען געקומען כלערליי האָזן
און מיט די נעזער, ווי פלייטן געבלאָזן,
און זילבערנע שעפּסעלעך און ציגן,
קונצן געמאַכט, אויף שטריק זיך געוויגן.

און גאָר צום סוף, האָבן אַלע געזונגען,
און האָבן גאָרטן אינגאַנצן פאַרקלונגען:
צום סוף, לדרף, בלומען געשווינקען,
דערפאַר וועל איך זיי תמיד גערייינקען.
זאָגט דער בלויער שיין צו אונדז אַזוי:
עס איז די צייט אַריבער און איך גיי.
איר אויך מוזט פאַרלאָזן דעם גן־עדן,
גייט, איך מוז מיט אייך זיך שיידן.

גייען מיר און איך דערזע פון דאָרט:
די באַראַנען אויפן זעלבן אָרט,
און ווי נאָר מיר זיינען צוגעקומען,
זיינען מיר אין וואָלקן שוין געשוואומען.
זעען מיר עס קלייבט אַ רעגן זיך,
אונדז אַקעגן טראָגט אַ וואָלקן גיך,
כאַפּט אונדז גיך אַראָפּ פון די באַראַנען,
ווען ס'האָט גערעגנט ווי מיט פאַנטאַנען...

דער וואָלקן העכער אונדז נאָך טראָגט,
דער ווינט נאָך גיכער יאָגט און יאָגט.

ביסלעכווייז נעמט די לבנה שיינען,
צו דער ערד באַענט שוין מיר זיינען.
ס'נעמט ניט לאַנג, די דינסטן ווייזן מיר;
זעט, מיר קומען צו דער פינפטער טיר...
וואָלקן לאָזט אונדז אַראָפּ אָן קיין שאָדן,
ווידער זיינען מיר אויף ערדס באָדן...

# פ אַ ב ל ע ן

(מער דענקענדע ווי שפּילנדיקע)

## אַ ח ז י ר

(געווידמעט אַ צווייפוסיקן חזיר)

אַ חזיר, וואָס האָט געפרעסן
אַ גאַנצן טאָג,
האָט צו אַ ציג געגעבן אַ זאָג:
הער, מיין פריינט:
כ'האָב אַ ברעקל אַפּעטיט ניט היינט.
אמת, כ'האָב פאַרזוכט אַביסל:—
אַ קאָרעטע מיט קלייען און אַ שיסל
אַלטן ברויט
און אַ צענדליק קעפּלעך קרויט.
און ווי געווינטלעך, אַביסל נאָך־וואָס...

דערנאָך ט'מיר געבראַכט דער באַלעבאָס
שאָלאַכצן פון קאַרטאָפל, מערן,
וואָס איך האָב גראָדע ליב, זיי גערן.
נאָר כ'האָב געגעסן אָן אַן אַפּעטיט,
הגם איצט, עפּעס איך האַרצן—ציט...

האָט די ציג, וואָס האָט איר עסן
איבערגעקייט,
געענטפערט: איצט
פאַרשטיי איך וואָס אַ דבר־אַחר באַטייט!

## מוראַשקע, פליג און בער

אַ מוראַשקע און אַ פליג,
האָבן ביידע געזויגן
פון האָניק אַ שטיק;
זיך אָנגעקוקט מיט בייזע אויגן.
יעדער זוכט צווייטנס פאַרנעמען,
געשפּרונגען אַהין און אַהער:—
איר מעגט זיך ביידע שעמען—
האָט בייז געזאָגט ביי זייט דער בער.

און דערווייל באַקוקט ער, באַשמעקט,
דעם זאַפטיקן האָניק זיסן
און מיט סלינע זיך אַזש באַלעקט...
און זיי גלייך געלאָזט וויסן:
איר זייט ניט צופרידן מיטן עסן?
ס'איז ניט עטיש און ניט שיין,
און איר זאָלט עס טאַקע וויסן—
האָניק ליב האָבן אויך מיינע ציין!



## דער פוקס און דער האָז

באַקלאָגט אַ פוקס זיין ביטער לעבן:
מ'האַלט מיך פאַרן קלוגסטן דאָ ז'וואַלד,
נאָר דער שלימזל האָט מיך פאַרוועבן,
וואָס איך טו, קומט ער אַקעגן, באַלד.
יעדער איינער זוכט אַ ריס פון מיר;
גרויער וואָלף היט מיין יעדן שפּאַן.
וואָס טויג די חכמה, ווען ס'גייט ניט דיר
אַז אין יעדן טראָט איז געפאַר פאַראַן.

הערט דער האָז און זאָגט: חכם דו!
ווען וואָלסט מיט חכמה ניט שטאָלצירן.
פרעג דעם, ס'האָט קיינמאָל ניט קיין רו,
וואָלסט נאָר אַביסל שטאָלץ פאַרלירן.
זע איך: פאַרפאָלגט פון וואַלד, פון הימל
דאַנק גאָט, כ'דערשפּיר מינדסטן רויש,
דורך טאָג כ'האַלט אין בענטשן גומל,
אפילו פון דיר ווען זיך ראַטעווע אַרויס.

טאָ וואָס זיך קלאָגן, וואַלד איז שלעכט.
ביזט ניט בעסער פון וואָלף, פון הונט.
ווי קאָן אַ גזלן פון גזלנים זוכן רעכט?
למשל, ווען פאַקן וואָלסטו מיך אַצינד?.

נאָר מיר קלאָגן, מע טוט אונדז שלעכט,
ווען מיר רשעות טוען, ז'כשר און רעכט.

## די פליג און די ציג

אַ פליג—
האָט זיך אָנגעזעצט אָן אַ ציג
און זי געמאַטערט אָן רחמנות
בנאמנות:
אָט אויפן נאָז,
גיט די ציג אַ בלאָז;
איז זי גלייך אויף אַן אַנדער אָרט
און נישט געשפּאָרט
קיין מי,
האָט זי אין הינטן געגעבן אַ צי...
אַזש די ציג האָט געגעבן אַ שפּרונג
און גלייך מיט איר רויטן צונג
לעקן גענומען דעם ביס.
געדרייט דעם עקל און די פיס.
האָט פליג געדרייט אַהער און אַהין
ביז אַריין אין וועב פון אַ שפּין!
ווען שפּין האָט זיין סעודה געמאַכט,
האָט ציג אויף זיי געקוקט פאַרטראַכט.
איר האַרץ האָט שרעק אַרומגענומען:—
דער קצב נאָך איר איז איצט געקומען..



## דער דבר־אַחר

אַ חזיר האָט נאָר־וואָס,
מיט אַן אויסגעשטרעקטער נאָז,
פון אַ טייכל אַרויס,
מיט כל־זיין גרויס.
זיך אָפּגעטרייסלט גוט,
געוויינטלעך ווי אַיעדער טוט,
ווען ס'גייט פון וואַסער אַרויס,
בלויז
אויף נאָר איין מינוט.
נאָך איידער, וואָס ער טוט

אַ זאָג צו אַ קו ביי דער זייט,
וואָס איז געשטאַנען רואיק געקייט:
זאָג מיר, קו:
צי אין דיין לעבן האָסטו
זיך געבאָדן אין טייך?
די קו האָט געענטפערט אים גלייך:
כ'פאַרשטיי ניט זין פון אַ דבר־אחר,
ווען ער גייט אַרויס פון טייך,

אַז באחרית־אחר—נאָר אחר
וואַרפט ער זיך אין בלאָטע גלייך!...

## דער הענדל

אַ קוואָקע, מיט אירע קליינינקע,
אַוודאי צוועלף—אַלע שיינינקע,
האָט די קוואָקע שטאַרק
האָט דער האָן זיך צוגעשאַרט.
זיך צעשריען, מיט קוויטש און טומל:
אַוועק, דו מאַנצביל, דו מנוול!
איך זאָג דיר תכף—גיך אַוועק,
אָדער כ'פּליק דיר אויס דעם עק.
האָט האָן גיך זיך אָפּגעטראָגן,
באַקוקט דעם עק, זיין גאַנץ פאַרמעגן.

און ווי דער האָן איז נאָר אַוועק,
טוט אַ הענדל איר אַ פרעג:
וועל איך אויך קרייען ווי דער האָן?
וועל איך אויכעט, מאַמע, אַזוי טאָן?

— געוויס, יאָ, וועסט אויכעט קרייען.
עס וועט, עס וועט גאָר גיך געשען;
וועסט אויך נאָכלויפן נאָך פרויען־
הינער, און דערקאָנען וועסט מיך ניט,
אַז כ'בין דיין מאַמע אַמאָל געווען...

## די הון און די איי־שאָלעכץ

אַ הינדל, נאָר וואָס אַרויס פון איר איי,
האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אַ טרייסל,
האָט גלייך גענומען צו פּיקן,
עסן מיטן אייגענעם שכל.
האָט גלייך גענומען פּיקן דאָס שאָלעכץ,
געשטופּט זי, געטראָטן אויף איר:—
ווער דאַרף דיך? דו בוצלאָזע הייטל!
אַוועק! אין מיין וועג שטייסטו מיר!
נו, יאָ—זאָגט די צעשאָטענע שאָלעכץ:

ווייסט ניט, אַז איך האָב דיך באַשיצט?
זינט דו האָסט זיך גענומען אויסבריען,
ביז די הון האָט דיך אויסגעשוויצט.
האָט די הון זייער געשפּרעך דערהערט,
האָט דער שאָלעכץ בקיצור דערקלערט:
אַ טאָפּ האָט אַ ווערד, ווילאַנג מ'קאָן
אין דעם קאָכן.
אַגב, וואָס פאַר אַ נוץ קאָן ער האָבן,
ווען ער איז צעבראָכן...

## די שפּין און די בין

אַ שפּין האָט פאַרוועבט אַ בין
און האָט מיט איר אַ שמועס פאַרפירט:
— זאָג מיר, ידידי, דעם זין?
פאַר פאַרדרוס איך פשוט קראַפּיר:

דו האַוועסט, דו לויפסט גאַנצע טעג.
פאַרוואָס? וואו איז דער זין?
דו ווייסט נאָר איין־איינציקן וועג,
דיין בינשטאָק—געזאָגט האָט די שפּין.

דו זאַמלסט און אַלץ פאַר דער „קווין",
ס'איז נאַריש, ס'האָט ניט קיין זין.
קוק מיך נאָר אָן, זאָגט ווידער די שפּין:
כ'נעם אַלץ פאַר זיך, וואָס כ'געפין...

דערפאַר אָבער, פלי איך פריי און זשום.
כ'זויג די זאַפט פון בליאונג און בלום.
יאָ, ס'געניסט ניט אַליין, נאָר די קווין;
אויך האָניק פאַרן מענטש וואָס כ'שפּין.

## דער שוואַרצער הענדל

היק, היק—
אַ פּיק, אַ פּיק—
ס'איז אַרויס מיט אַ פּישטש־געשריי
פון אַ ווייסער קלאָרער איי,
אַ שוואַרצער הענדל
און שוין אַריין אין פלאַכן פענדל
און עסט שוין מיט אַפּעטיט—
גאָרנישט ווי ערשט אויסגעבריט...
קוקט אים אָן דער האָן דער ווייסער
און קראַצט זיין קאָפּ זיך
און ציילט איבער אַלע קליינע;

אַלע, אַלע, אַלע—ווייסע,
נאָר אַ שוואַרצער איז דער איינער!
פונוואַנען דו?—פרעגט דער האָן אים
מיט אַ בייזער, זויער שטים:
אַלע מיינע—ווייסע קלאָרע,
אַלע פוכיקע, אָן עין־הרע.
בין איך טאַקע דען דיין טאַטע?
פרעגט דער האָן אים טאַמאָוואַטע.

טאַטע, שמאַטע—זאָגט דער הענדל:—
מיין טאַטע־מאַמע איז די פענדל!



## דער מאַן מיטן הונט

אַ מאַן מיט אַ הונט איז געגאַנגען אין גאַס.
אַ פרוי ז'געשטאַנען ביים הויז מיט ז'ן קאַץ.
זאָגט ער: היט דיין קעצל, ליבע פרוי,
מיין הונט קאָן איר געבן אַ קראַץ.
זאָל אים וואויל באַקומען, לאַכט פרוי,
כ'גלויב זיין וועט פונקט פאַרקערט.
ניין, מאַדאַם, איך האָב אַ גרויסן הונט;
אַ הונט זאָל אַנטלויפן פאַר אַ קאַץ,
דאָס האָב איך ניט געהערט.
נו, פאָלגט מיך, זייט ניט איינגעשפּאַרט,
נעמט הונט און גייט אויף אַנדער זייט:
ס'וועט פאַר אייך, אי פאַרן גרויסן הונט,
זיין שענער, אויך רואיקער די צייט...
לאַכט דער מאַן און רופט זיין גיבור:
ס'דאָ אַ קאַץ, וואָס וועט דיר געבן קלעפּ.
און דער הונט דערזעענדיק די קאַץ,
ער לויפט שוין אַקעגן אַרויף די טרעפּ.
פיף־פאַף, דער העלד, ער קוויטשעט שוין
און פון גרויסן פּרצוף ס'רינט אים בלוט;
ער בילט פון וויטן, נאָר קעגן־גייט,
דער גרויסער העלד, עס פעלט אים מוט!
נאָר גאָר פאַרקערט, די בראַווע קאַץ
טראָגט זיך אויפן גרויסן „סעטער".
אַט־אַט, ער שפּרינגט, נאָר קריגט אַ קראַץ
און באַלעבאָס מוז נעבעך זיין זיין רעטער..

## דאָס טייכל און דער בוים

קלאָגט האַלב־פאַרפראָרן טייך פאַר לבנה,
מיט דימענטענע שפּריצעלעך, מיט חן:
ווי ליב כ'פלעג קוקן אין דיין פּנים מאַטן;
באַלד וועל מיט אייז אינגאַנצן פאַרגיין.
אין זומער־נעכט פלעגסט זיך טונקען ז'מיר
און שטערן פלעגן פינקלען אַרום
און פויגל פלעגן זינגען און זיך רופן,
אין זייערע נעסטן טוליען זיך שטום.
— מאַך זיך נישט נאַריש, ידידי טייכל,
ס'וועט ווינטער אַוועק גאָר גיך. —
געזאָגט האָט אַ בוים, אָן בלעטער, אַ הוילע,
ווי האָב געדאַרפט זיך קלאָגן, זאָג איך?

דיר וועט זיין גרינגער ווען פרילינג
וועט קומען,
זון וועט צושמעלצן און וועט ווידער
אַ פליסיקער ווערן גייענדיקער טייך.
און כ׳וועל פון מיין לייב רייסן גלידער.
די שפּראַצונג, די בליאונג, די בלעטער,
ניט גרינג פון טרוקן לייב אויפוואַכן;
כ׳וואָלט זיין געוואָלט אַ טייך, אַ וואַסער
כ׳בין דיר מקנא, קאַנסט פון מיר לאַכן...

נ מ ש ל :
יעדער דיינקט אים דריקט לעבן מערער,
קומט אַ צווייטער, ווייזט אים איז שווערער.

## דער מסור

געוואַגט האָט אַ וואָלף זיך; גיי און גלויב!
אַזאַ זאַך ניט געהערט, גנבענען פון לויב,
דער כיטרער פוקס האָט דאָס באַמערקט
און ניט געטראַכט, צום וואָלף געקערט
און כאַבאַר פאַרלאַנגט פאַר האַלטן צונג
און מיט אַ וואונק,
אַז ווי וועט דיר זיין, אַך און וויסט,
אויב אַ/לק דו מיר גלייך ניט גיסט!
איך זע, דער לייב, ער זוכט; אים פעלט;
אַ וואָרט פון מיר, פאַרלירסט די וועלט.



ט'אים וואָלף געגעבן פאַר האַלטן ס'מויל,
דאָך היטן דעם פוקס געווען ניט פויל...
און פוקס זיך יאָגט מיט זייטיק־וועגן:—
אָ, קיניג־לייב—פאַר זיינע פיס געלעגן:—
דער וואָלף באַגנבעט האָט דיך, האַר;
האָף ווערסט באַלוינען מיר עפּעס דערפאַר...

האָט לייב געענטפערט:—פריער באַוויז,
ברענג דעם וואָלף, האָסטו דיין פריין!
האָט וואָלף דערזען, פוקס איז אַרויס
פון נאָרע, פון לייב, שטיל ווי אַ מויז:—
מסור, מיט כעס, האָט וואָלף שטילערהייד
געפּאַקט דעם פוקס און אים געטויט.
געקומען צום לייב אים אין מיטן דערנאַכט:
קיניג: דאָ האָב איך דיר אַ מתנה געבראַכט.

באַקוקט די מתנה, האָט לייב זיך צעלאַכט:
אַזוי, ס'געפּאַקט אים; רעכט אים געמאַכט?
האָט דיך פאַרמסרט, דער מיאוסער מסור!
דאַנק פאַר מתנה, ס'איז באַטעמט און כשר.

נ מ ש ל :  אַ מסור און לשון־הרעניק
איז ווערט די שטריק! . . .

## צווישן הינט

אַ מאָפּס און אַ „באַקסער"
האָבן זיך געריסן איבער אַ ביין;
איינער שלעפּט אַהער, צווייטער אַהין
און מען לאָזט נישט פון די ציין.

עס וואָלט דער קאַמף צווישן זיי
געווען גאַר אָן אַ סוף,
ביז אָנגעקומען איז אַ לייב
און צו זיי זיך אַזוי געווענדט:

ס'גאַר נישט שיין פאַר גרויסע הינט
זיך שלאָגן פאַר אַ ביין;
אַנו, אַקאָרשט גיט מיר דעם ביין—
און פאַררוקט זיך תיכף אין די ציין.

ווי אַ דיין פרעג, הערט אויס,
באַטאַפּט דעם ביין, באַקוקט;
אַ שמעק, אַ לעק און מיט אַפּעטיט—
אַליין די ביין פאַרצוקט...

אַזוינע דיינים טרעפן מיר אָפט.
ווייי צו די, וואָס יושר פון זיי האָפט!...

## אַ וואָלף אַ דיין

צוויי קליינינקע, צוויי שעפּעלעך,
זיך ניט געקאָנט מיט גראָז צוטיילן;
געבריקעט און געשלאָגן זיך, היפּשלעך,
אַז הויט געזען האָט זיך שיילן.

אַ וואָלף פון וויטן האָט געלויערט,
מיט ציינער שפּיציקער וואָס לעכצן;
לאַנג, ניט לאַנג האָט געדויערט,
איז וואָלף צו זיי צו מיט אַן אַכצן;

וואָס שלאָגט איר זיך, טייערע שעפּעלעך?
איז געננוג ניט דאָ פּאַשע פאַר אייך?
און פּיענע ס'רינט אים ווי לאַקשעלעך:—
ס'איז דאָ גראָז אַזוי פיל, אויך אַ טייך...

האָבן שעפּעלעך גענומען באַקלאָגן זיך.
זאָגט איינע: זי עסט אויף ס'בעסטע דאָ.
טענהט די צווייטע און קאָכט זיך:
גראָז זאַפטיקע עסטו אַליין דאָך דאָ!...

וואָס־זשע שעפּעלעך ווילט איר, קליינע?
איר ווילט כ'זאָל אַ דיין זיין פאַר אייך?
יאָ, איינע שרייט: הער אויס מיין טענה.
די צווייטע: מיך הער פריער—גלייך!...

נאָך טענות, נאָך געוואַלדן און פלוכן,
זאָגט וואָלף צו זיין אַ יושרדיק־דיין:
כ'מוז פריער אייער פליש פאַרזוכן—
דעם שולדיקן פילן אין טעם פון קייען!...

און האָט זיך אַזש באַלעקט:—אַ מחיה...
און אָפּרוען זיך אין שאָטן פאַררוקט—
געטראַכט: געווען איז אַ בטלן דער ישעיה..
האָט וואָלף די שעפּעלעך פאַרצוקט

נמשל:
אַ סך שעפּסן דאָ מאַכן וועלף פאַר שופטים.
אָך, איז צו זייער לעבן אָך און ווי;
ווי איז יענע, זיי צאָלן אָפּט אים
מיט זייער גוטס, מיטן לעבן צאָלן זיי...

## די שכנים

געגומען באַקלאָגן זיך האָבן די שכנים,
ס׳פעלן זיי הינער ביי אַלע ווי איינעם.
ווער האָט טאָן דאָס געקענט? אַ טכאָר?
אַ וואָלף? אפשר אַ בער?
האָט פוקס געזאָגט: טאָן קאָן דאָס ווער?
ס׳ליגט זיך נישט אין זינען אַזאַ זאַך—
האָט אַ פויער מיטן האַנט געגעבן אַ מאַך
און האָט די מאָרדע זיך געגעבן אַ ריב;
אַגב, אַ טכאָר רייסט נאָר ס׳קעפל אַראָפּ.
ס׳בלייבט נאָך איבער געגוג פאַרן טאָפּ.
נאָר דאָ געפינען מיר פעדערן בלויז.
אַ מאָל אַ ביינדל, אַ כזית די גרויס.
רבותי: ווילט איר אַ נאַרישע בהמה הערן?
האָט די פרה־אדומה געגומען דערקלערן:
אַ טכאָר? ניין! וואָלף? אפשר. אגב אַ בער
וואָלט צו מיר זיך געלאָזן—אַ קער,
איידער אַ מיזערע הינדל: קיי און שפּיי...
צוהערן זיך צו אַ בהמה איז אויך כדאי.
האָב אין הויף לאַפּקעלעך באַקאַנטע געזען.
ס׳אַ לבנה־נאַכט, שניי איז ווייך געוועזן.
די לאַפּקעלעך איז פוקסעלעס! ער איז דאָ!

זוכן אַלע ס׳פוקסעלע, נאָר פוקסל ז׳ניטאָ!..

## צו אַ באַנקעט

צו אַ באַנקעט זיינען געקומען דאַמען.
אויך האָט זיך אַריינגערוקט צוזאַמען
אַ דינסטמויד, מיט אַ פּאָר היבשע בריסטן
און מיט אַ צלמל, ווי ס׳טראָגן קריסטן.
אָנגעהאַנגען מיט בליצנדיקע שיינער;
קיין דימענטל געוועזן איז דאָרטן איינער...
לעבן איז געזעסן איז אַ שיינע דאַמע,
אָנגעהאַנגען אויף אַ קייטעלע אַ ראַמע,
דין באַזעצט מיט דימענטלעך, די ראַגן,
אויף אַלבאַסטער האַלדז ט׳זי עס געטראָגן.
דשטיל, באַשיידן, געזעסן איז זי איידל;
דינסטמויד געפאָכעט האָט ווי אַ ווידל.
שיינען זאָלן גלעזלעך אין די אויגן—
אויפמערקזאַמקייט אויף אַלעמען געצויגן..

קומט צו איינער מיט אַ זיסער מינע:—
בין אַ דימענט־סוחר, קליגגט זיין שטימע.
כ׳קאָן פונקט אָפשאַצן צו יעדער פּענע..
געענטפערט גלייך האָט דינסטמויד יענע:
כ׳וויל ניט שאַצן, בייז האָט זי געזאָגט,
מיט גיכע טריט גלייך זיך אָפּגעטראָגט...

ווען איינער רעדט מיט פרעמדע ווערטער,
און אַ שטופער אין אויבנאָניקע ערטער;
איז פיל מאָל אַליין—פּוסט און ליידיק—
רעדט מיט אים פון „ליטעראַטור“—
ווערט ער גלייך באַליידיקט!...

## אַ מאַלפּע, אַ בלום

אַ מאַלפּע ט׳פּאַרוואָלט זיך פלאַנצן בלומען.
נאָכמאַכן פויער זיך גענומען:
געפלאַנצט, די צווייגעלעך אַרומגעשניטן;
וואָלט אפילו מיטן פויער זיך ניט געביטן...

אַוועק אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג—אַ דריטן.
די בלומען בלטער האָבן זיך געביטן;
דאַרן, פוילן און די בלעטער שוואַרצן.
מאָלפּע גענומען האָט זיך עס צום האַרצן:

ווארום ביים פויער, זיינע רויזן בליען?
און מיינע צו דער ערד זיך בויגן, ציען.
איך האָב נאָכגעטאָן אים, אין זיין זייען;
זיינע בליען, מיינע דאַרן און פאַרגייען.

זאָגט אַ בלום אַהינטער פויערס פּלייצע:
מיינסט בלומען, אָן חיונה קאָנען לעבן?
ווילסט רויזן זאָלן וואַקסן? הער אָן עצה:
גראָב אונטער, און גענוג וואַסער זאָלסטו
געבן....

צוויי נמשלים :

אויב דו האָסט ניט שאַרפע אויג צו שפּאָרן,
וועט דיין מלאכה אָן לערע גיין פאַרלאָרן...
כ׳קאָן אַ נאָכמאַכער פון פרעמדע ווערטער,
וואָס מער ניט איינע טעותן מערט־ער...
גר

# אינהאלט

זייט


בינסט גערעכט — — — — — — 3
דערהויפט א ייד — האלב בליגד
אויף אונדזער ערד—כ'בין געקליידט
אין זעלבן רעקל—מיין ליד— 4
זאג מיר, אלטער — — — — — — 5
כ'האב אין שפיגל זיך פארקוקט — 6
ס'ווינט אין טיף—שפיל מיין לירע 7
צו שפעט — נעם מיך מזל — — 8
וויגשטול מיין — — — — — 10
ער וועט — צו א שפיגל—
שרעק — ווער האט געוואוסט — 11
דאס קאן נישט—כ'וויל א רו־טאג 12
מעסט מיין לעבן—זיץ איך נעכט 13
א בלום — — — — — — — 14
וועמעס לעבן—שיינע הויז—
גיבור טויטע זאך—א סאנעט — 15
נעם אים — וועט קומען — — 16
די בוים—צוויי אלטע—וועמען — 17
די אויגן צו—אין צאם פון לעבן— 18
נביאות — אלטע בריוו — — 19-20
אויב מענטש ווערט געטלעכער— 21
א געפאלענער קינסטלער—
ערשטע קינד—אך צייט — 22
דער מדבר—אינדערפרי — — 23
צו ־־־ א חלום איז מיר פארפלויגן 24
דער נאכמיטאגוועל כ'רוען
צו שענערעס איך שטרעב — — 25
מען לויבט אים איצט
עס עסט די ביינקשאפט — — — 26
דערשווימען דיין ברעג
שטיינער געוואלט זייען — — 27
האב געהאנדלט — האב אויף


זייט


ישראלס ערד — — — — — — — 28
צו זיך אליין — — — — — — — 29
קיינער וויל מיך ניט באפרייען — 30
וואס ארט מיך — — — — — — 31
צו א פריינט—לויב צום הימל — 32
כ'האס דיך ניטשע—חלומות מוונע 33
א מעשה—פארהיט מיך גאט — 34
שלאפלאז—א תפילה — — — 35
די בעט — — — — — — — 36-37
גערעדט געדוכט האט די הויז—
ערב שבת — ברומט דער ים — 38
א פאלקס־ליד — — — — — 39
ס'איז דא א יצר־הרע און א שטן 40
יאקל־מלמד — — — — — 41-49
אין ליבע־קראנץ — — — 50-60
דבורהלע אויף דער לבנה — 61-68


## פאבלען


א חזיר—מוראשקע, פליג און בער 69
פוקס און האז—פליג און ציג — 70
דער דבר־אחר—דער הענדל — 71
היינט נאכמיטאג וועל איך רוען— 71
שפין און בין—שווארצער הענדל— 72
מאן און הונט—טייכל און בוים— 73
דער מסור — — — — — — 74
צווישן הינט — — — — — 75
א וואלף א דיין — — — — — 76
שכנים — צו א באנקעט — — — 77
א מאלפע — א בלום — — — 78
אינהאלט — — — — — — — 79
ביכער פון דיימאנשטיינען — — 80

## ביכער פון דיימאַנדשטיינען:

„הערבסט־בלומען" (לידער) 1911
„טאָג און נאַכט" (לידער) 1914
„לא תרצח"—1916
„דער כח פון ליבע"—דראַמע
„פאַרלאַרענער זיג"—דראַמע—1913
„נייע וועלטן"—4 איינאַקטער, 1918
„אין די שטורעם־טעג"—
דראַמע אין 4 אַקטן, 8 בילדער, 1914

### 3 ביכער איבערזעצט פון ענגליש

„דער רוף אין זיך"—ראָמאַן פון ערש־טער רוסישער רעוואָלוציע,
„איבער אונדזער קראַפט"—ראָמאַן פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע.
„דער וואולקאַנען אינדזל"—אוטאָפּיע

„בלעטער פון מיין גאָרטן" — לידער

טרילאָגיע:—„קעגן שטראָם", „ווילנע" „אַמעריקע"

פ אַ ב ל ע ן

געקליבענע דראַמען:—באַנד איינס, באַנד צוויי, באַנד דריי

„פון סמאַיקן קוואַל"—114 סאָנעטן

„פון מיינע ערשטע טריט"—פאָלקס־לידער

„זאַנגען פון מיין פעלד", לידער, 1955

עסייען—איבער שרייבער—ווי כ'האָב זיי געקאַנט און געלייענט

### ספרים בעברית

„אי־געש" (אוטופיה)
קובץ עשר דרמות
„עלים מגני"—קבוץ שירים.

### BOOKS IN ENGLISH

POEMS — received International Mark Tain Award.
"The Call Within'
"Beyond Human Power"
"The Volcano Island"—Utopia
FABLES
10 One-Act Plays